יוסף זעלקאָוויטש.

# דער טויט און זײַנע באַגלייט-מאָמענטן אין דער ייִדישער עטנאָגראַפיע און פֿאָלקלאָר *)

## א.

גראָד ווי צוליב דעם „לעולם ילמד אדם את לשונו לדבר בלשון נקיה" האָט זיך אײַנגעבירגערט די טענדענץ צו באַנוצן זיך מיט אײַפֿעמיזמען אינעם

*) די ווײַטערדיקע אַרבעט איז לכתחילה פֿאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ מילואים צו דער אַרבעט פֿון פּ. ח. חיות: גלייבונגען און מנהגים אין פֿאַרבינדונג מיטן טויט (אין צווייטן באַנד פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ ז׳ 281—328), און דערפֿאַר האָב איך געזוכט אויסצומײַדן יעדן מין איבער-חזרן פֿון וועלכן ס׳איז מנהג, גלייבונג, אָדער ווערטל, וואָס ס׳ווערט געבראַכט בײַ חיותן, סײַדן אין פֿאַל, ווי ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב עפּעס מחדש געווען, אָדער אין פֿאַל, ווען ס׳איז מיר געלונגען אָנצוווײַזן נאָך אַן אָרט פֿאַרן געגעבענעם מינהג אָדער גלייבונג אדג״ל.

במשך פֿון דער צײַט האָט זיך אָבער בײַ מיר אָנגעזאַמלט אַ סך מיט מאַטעריאַלן און דאָס האָט מיך, אין אַ געוויסער מאָס געצוווּנגען אָפּצובייגן פֿון ח. היותס סכעמען אין אײַנטיילן די מינהגים. אגב האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז רײדנדיק וועגן טויט, קען מען נישט אויסמײַדן איינעם פֿון די עלטסטע אינסטיטוציעס בײַ ייִדן, וואָס צייגט פֿון אירע הויפּט עובדות איז טאַקע דער טויט — די חברה-קדושא, וועלכע איז ביז איצט אַזוי ווייניק פֿאַרטראַטן אין דער פֿאַך-ליטעראַטור איך האָב איר געווידמעט אַ באַזונדערן חלק, לויט די מאַטעריאַלן, וואָס עס איז מיר געלונגען וועגן איר צו באַקומען פֿון פֿאַרשיידענע מקומות.

איך האַלט נישט, אַז די דאָזיקע אַרבעט שעפּט אויס די טעמע, בפֿרט, אַז דעם רוב פֿון מײַנע אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן האָב איך, מחמת דוחק אין צײַט נישט אויסגענוצט, די דאָזיקע אַרבעט, ווי געזאָגט, איז נאָך אַ המשך פֿון דער, וועלכע פּ׳ חיות האָט אַזוי גלענציק אָנגעהויבן.

איך פֿיל עס פֿאַר מײַן חוב אויף דעם אָרט אויסצודריקן אַ דאַנק די אַלע, וועלכע האָבן מיר געגעבן אינפֿאָרמאַציעס און אָנווײַזונגען, בפֿרט מײַן פֿרוי, מײַן ברודער משה, פֿרוי ז. פֿײַגענבוים (איצט אין תל-אביב) די ה״ה שלום ראָזענצווײַג, ר׳ ליב העכט און ר׳ דוד סענדאָמסקי, די ביבליאָטעקן אין לאָדזש א״ב פֿון ב. בראָכאָו און בר. גראָסער מאַרן, פֿרײַנדלעכן אויסגעאַרגן מיר די שײַכותדיקע ביבליאָגראַפֿיע, און אַלע אַנדערע.

באַזונדערס דאַנק איך די סעקרעטאַרין פֿון דער גאַנ׳ פֿרײַנד פֿון ייִוואָ אין לאָדזש, פֿרוי ז׳ בריס פֿאַר איר פֿרײַנדלעכער הילף בײַם סדרן מײַנע מאַטעריאַלן, בײַם איבערשרײַבן זיי, און פֿאַר אירע העַרטי;ע באַמערקונגען.

1

טאַגטעגלעכן ריידן („סגי נהור" „מחילה" וכד') און גראָד ווי צוליב דעם „הרחק עצמך מן הכיעור ומן הדומה לו" ווערן געטאַדלט נבול-פה-אויס-דרוקן אינעם טאָגטעגלעכן ריידן, אַזוי האָט אויך דער ייד צוליב דעם „אל תפתח פה לשטן" דעם טויט אַלס דעם גרעסטן אומגליק נישט ליב אָנצורופן ביים נאָמען און באַמיט זיך מיט אַלע אומוועגן דאָס דירעקט אויסצומיידן.

פאַר דעם פּראָסט-פּשוטן „טויט" אָדער „אָפּגעשטאָרבן" האָט דאָס פאָלק זיך אויסגעטונען פאַרשיידענע אויסדרוקן וואָס באַצייכענען די דערמאָנטע באַגריפן. אויסדרוקן סיי ערנצטע, סיי איראָנישע, בטולדיקע און גרינגשאַצנדיקע (די לעצטע, ווען עס האַנדלט זיך וועגן נישט קיין „וואַזשנעם" מענטש. אָדער וועגן אַ נישט-יידישן טויט).

אַנשטאָט „געשטאָרבן" זאָגט דער ייד: געגאַנגען אין זיין רו אַריין; געגאַנגען שלאָפן; צוגעמאַכט אַן אויג; האָט פאַרשיידט; (שידלאָווצע); האָט זיך פאַרקייכט; אויסגעצויגן די קאָפּיטעס; אויסגעצויגן די פיס (סלאָנים); ... 1) געוואָרן (וועגן אַ טויטן נישט-ייד); אויסגעקנאַלט; ... (שידלאָווצע); פאַרדאַלט 2) געוואָרן; פאַרגאַנגען; צוועקגעוואָרפן דעם לעפל 3); געגאַנגען באַקן בייגל 4) (שידלאָווצע); געגאַנגען פּליטה; געגאַנגען זיך זעען מיטן עלטער-זיידן (שידלאָווצע); געפּאַקט זיך, ס'פּעקל; געגאַנגען זיין וועג; געעקט זיך 5); פאַרלייגט מיטן קאָפּ 6); גע-גאַנגען קאַפּוט (קאָנסטאַנטין); געמאַכט דאַמינע 7); אויסגעשאָסן 8); אויס-געקנאַלט; געגאַנגען אין די ברעטער אַריין; געגאַנגען אין די בגדים אַריין; געגאַנגען דייטש 9); געגאַנגען אין די זאַמד-בעדער אַריין; געגאַנגען זיך (אויסגלייכן די ביינער; געגאַנגען אין לאָך אַריין 10); געגאַנגען זיך זעען מיט

1) צעלאַכצט—צעפאַלן, צעפלאַצט. א הילצערנע כלי, אז זי שטייט זומער-צייט אַ טרוקענע אָן וואַסער, פאַלט זי פונאַנדער, אָדער ווערט „צעלאַכצט".

2) ... דעם ... „דל" [דל שלש דפנות וכו'] — פאַרדאַלט-אַוועק-...

3) גרינגשאַצנדיק: „אַוועקגעוואָרפן דעם לעפל" = געגוג געגעסן = ער לעבט נישט מער.

4) איז שייך צום ווערטל: „ליגט אין דר'ערד און באַקט בייגל" (זע יונה ראָזענפעלד: צע-שערטע זאַכן, ז' 175; שלום עליכם: דאָס גרויסע געווינס, ז' 5; מענדעלע מוכר ספרים: דער פּריזיוו ז' 53).

5) דוד בערגעלסאָן: צוג ווינטן, ז' 230.

6) ביי מענדעלע מו"ס [פּישקע דער קרומער, ז' 141] הייסט עס: „אָנלייגן מיטן קאָפּ."

7) פאַרענדיקט דאָס שפּיל. דאָמינאָ = אַ שפּיל אין ביינער. עס געווינט דער, וואָס „מאַכט דאָמינאָ" = וואָס פאַרענדיקט דאָס שפּיל און פאַרשטעלט דעם פּאַרטנער דעם וועג.

8) אויך ביי אַ קימעטעַרין [גרינגשעצנדיק] „אַ בויך — אָט, אָט אויסצושיסן".

9) אַוועקגעקומען, אויסגעכאַפּט געוואָרן, ווי דער דייטש טוט טויגן.

10) אויך וועגן אַן אַרעסטאַנט, וואָס איז געגאַנגען אין תפיסה.



די קרובים; זיך אויסגעגליטשט; האָט באַנייט די בגדים; איינגענומען אַ מגירה; (גרינגשאַצנדיק) קומט שוין באַלד אויף אורלאָפּ; אָפּגעדאַנקט. 1a

אַנשטאָט „באַגראָבן": — באַערדיקן; באַגרייבלען; פּאַכאָווען; 1) (שיד-לאָווצע); אַריינגרוקן אין אָרון אַריין (שידלאָווצע); אַריינגציען זיך אין דער דירה אַריין; באַנייען די קרקע; באַהאַלטן אונטער זיבן שלעסער, איינגעפּעקלט 2).

אַנשטאָט „טויטער": — שוכן עפר; געלייטערטער; פטרהניק; אָפּלייזער 3); דר'ערד-ליגער 4); ליגט אין דר'ערד אין פּאַשעט פערד (לוטאָמירסק).

אַנשטאָט בית-הקברות:—גוט אָרט 5); דאָס ריינע פעלד (ריידנטאַרטן: כּדין געווען אויפן ריינעם פעלד, היינט אַ גוטן טאָג אויפן ריינעם פעלד, אַלדאָס-גוטס דאָ געדאַכט); די אייביקע רו; דאָס פרייע פעלד (קאַליש).

אין דער באַציונג פון דעם יידן צום טויט אנטפּלעקט זיך אַ כאַראַקטע-ריסטישע סתירה פון איין זייט איז דער ייד פאַרבונדן מיט צענדליגער מנהגים און דינים, וואָס דאַרפן אים, טוענדיק און אויספירנדיק זיי, צו יעדער צייט דערמאָנען אָן טויט 6), און פון דער צווייטער זייט ווידער, באַמיט ער זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן אויסצומיידן יעדן שמועס וועגן אים — בכלל נישט צו געדענקן.

„אַז מען דערמאָנט זיך אָן טויט איז מען נישט זיכער מיטן לעבן".

„זייט דער טויט איז אויפגעקומען איז מען נישט זיכער מיטן לעבן".

„ווען נישט דער טויט, וואָלט מען אייביק געלעבט".

אויב עס קומט אַמאָל צו רייד וועגן אַ פאַרשטאָרבענעם, זוכט מען מיט פאַרשיידענע מיטלען צו מאַכן אַ מין „מחיצה" צווישן אים און צווישן די לעבעדיקע:

ער זאָל זיין אָפּגעשיידט; ער זאָל פּליען אין גן-עדן (גרינגשאַצנדיק); ט'זאָלן דאָרט אויסוואַרפן (אַז מען דערמאָנט אים לגנאי); ער זאָל זיין אַ

1a) בערי ראָזען: רויע ערד, וואַרשע 1926 ז' 31.

1) פּאָכאָווען = pochować פּויליש.

2) פּליש, אַז מען וויל עס זאָל לאַנג בלייבן פריש, „פּעקלט" מען עס איין.

3) על פּי רוב וועגן נישט-יידן: „ער [זי] זאָל זיין אונדזער אָפּלייזער".

4) פּאָלקס-רעטעניש: אַז דער מאַן איז אַ רב, איז זיין ווייב אַ רביצין; אַז דער מאַן איז אַ חזן—איז זיין ווייב אַ חזנטע, אַז דער מאַן איז אַ דיין, איז זיין ווייב אַ דיינטע [פּאַרגרייזט פון דיינטע] אא"וו. אָבער וואָס איז דאָס ווייב, אַז דער מאַן איז אַ דר'ערד-ליגער? -אַן אלמנה.

5) אַ קאַלישער ווערטל: דער דייטש האָט אַ גוטן קאָפּ, אַ שאָד נאָר וואָס ער ליגט נישט אויפן „גוטן-אָרט".

6) צוליב דעם צעבראַכט מען אַ גלאָז אונטער דער חופה [ספר המטעמים, וואַרשע, 1890, ז' 31 ל"ז, מ, ז' 40 קלז]. צוליב דעם טוט מען דעם חתן אָן אַ קיטל [דאָרט ז' 35 מח]; „ושוב יום אחד לפני מיתתך" [זע ברטנורא, אבות פרק ב' משנה י'].

מליץ-יושר 1); ער זאָל זיך מיען דאָרט פאַר אונדז אַלע 2); זיין דאַברע-מזל זאָל אריין אין אַ הונט (קאַליש); עס זאָל זיך אים גריינג שלוקערצן 3); כ'מיין נישט אים, נאָר די וואַנט 4); ער זאָל לויפן 5) בעטן; ער זאָל זיך מיען; זאָל לויפן בעטן ביי אברהם יצחק פון דער עקידה און ביי דער גאַנצער געביידע (שידלאָווצע) 6); זאָל אַרומפליען 7); זאָל ארומפליען אין אַלע קלאָזעטן; זיין נשמה זאָל אַריין אין אַ חזיר; זאָל זיין אין דער העל; 8) זאָל ליגן אין דער ערד און פּערצן (סלאָנים); זאָל מגולגל ווערן אין אַ משוגענעם הונט; ס'זאָל אים וואָרפן הייזער הויך; ס'זאָל אים פון דער ערד אַרויסוואַרפן; ער זאָל אין קבר קיין רו נישט געפינען; זכרונו לברכה; זכר צדיק לברכה; עליו השלום; עליו האשנאָבל; 9) זכותו יגן עלינו; זיין זכות זאָל אים יאָגן אליין (שידלאָוו-צע 10); פון זיין זכות זאָל ער אַליין געניסן; זיין זכות זאָל אריין אין אַ משוגענעם הונט; זאָל האָבן ס'ליכטיקע גן-עדן; זאָל מיר'ס מוחל זיין; 11) אַ טויטער באַגערט די נעוואַרעט 12); זאָל זיין געווען אַן אַפּלייזער; זאָל זיין אַ כפרת-עוון פאַר דער גאַנצער שטאָט; זאָל האָבן מיטגענומען אַל דאָס שלעכטס און אַל דאָס בייז; ער זאָל זיך מיען פאַר זיין איבערבלייבעכץ; 13) אַזוי לאַנג ווי ער וועט דאָרט זיין, זאָלן מיר דאָ זיין; ער זאָל לויפן און בעטשן; 14) מיינע רייד זאָלן אים נישט צו שווער זיין; 15) ער זאָל מיר'ס מויקל זיין; 16) ער זאָל אַרומפליען אין אַלע מדבריות.

---

1) אין שידלאָווצע זאָגט מען גרינגשאַצנדיק: „ער זאָל זיין אַ מליץ יושר פאַר די אַלטע מאַגאַרטסקן.

2) ביי י. י. לינעצקין (דאָס פוילישע יינגל, ז' 164) געפינט מען אַזאַ מין „ווינשעוואַניע“: „זאָל ער זיך שוין דאָרט מיען פאַר די אַלטע כאַלעוועס“.

3) מענדעלע מו"ס: שלמה ר' חיימס, ז' 45.

4) ממו"ס; די טאַקסע, ז' 23.

5) עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס לגבי טויטע ווערן נישט באַנוצט קיין „מענטשלעכע“ צייטווערטער: דער טויטער, נישט ער „גייט“, נאָר ער „לויפט“ בעטן, דער טויטער „פליט“, „שוועבט“ אדג"ל.

6) גרינגשאַצנדיק.

7) אַ קללה: „אַרומפליען“ = די נשמה זאָל זיין נע-ונד, נישט געפונען קיין תיקון.

8) העל = גיהנום, דייטש Hoelle

9) 10) פאַראַדירט.

11) אויב מען דערציילט וועגן אים נישט קיין שיינעם אמת, אין קאָנסטאַנטין גיט מען צו: „און אויב נישט—פרעג איך אויך נישט נאָכן“, אָדער: „אויב נישט, זאָל ער מיך קומען ווערגן“.

12) „געוואַרעט“ — די וואָרהייט.

13) „איבערבלייבעכץ“—יתומים.

14) גרינגשאַצנדיק, אַנשטאָט „לויפן און בעטן“.

15) אויב מען דערציילט וועגן אים נישט קיין שיינעם אמת.

16) פאַראָדירט פון „מוחל זיין“.





אַז מען רעדט וועגן אַ טויטן און עס נישט וועד, בעטן, שמועסן דאַרף ער זיך געבן אַ צי פאַרן לינקן אויער, אויב כ'ס נישט אַ קינד, דאַרף אַ דריט-וואַקסענער אים ציען פאַרן אויער 1).

אַ שווערער טויט איז אַ סימן פון גרויסע און שווערע חטאים. אמת טרעפט אַז דער גוסט קען פריער נישט אָפּשטאַרבן, ביז ער טוט נישט „אָפּרופן“ 2), — ביז ער איז זיך נישט מתודה אויף זיינע חטאים, און ערשט דאַן ווערט די נשמה באַפרייט פון אירע משאות, ווערט לייכט און קען אַרויספליען פון גוף.

פאַר דעם שווערן טויט האָט אויך דאָס פאָלק זיינע באַצייכענונגען: ער האָט געצאַפּעט מיט דער מיתה 3); ער האָט געוויעט 4) ווי אַ לייב; ער האָט געסטענקעט 5) ווי אַ הונט; געצאַפּעט מיט די זייטן; אַזאַ טויט — אַלע זייעריקע 6) געזאָגט.

---

1) ניסן און טויט זיינען בכלל זייער נאָענטע מחותנים [המטעמים, ז' 75 א.]

פר' ז. בריש מאַכט מיך אויפמערקזאַם, אַז דער מינהג פון ציען פאַרן אויער איז פאַרשפּרייט נישט בלויז צווישן יידן, נאָר אויך צווישן נישט-יידן און, אַז ער האָט אַ פאַרשידענע באַדייטונג: נישט בלויז עשייכות מיטן טויט, נאָר אויך עשייכות מיט אַ פרייש דערוואַכטן לעבן. דעם פויער, למשל, אין טאָמאַשאָווער געגנט, ווידער ער נעמט זיך עסן אַ פרישן ערד-פּראָדוקט, ציט ער זיך פאַרן אויער. אויך אין קראָקעווער געגנט—ווי עס איז מיר געלונגען פעסטצושטעלן — איז דער מינהג פאַרשפּרייט סיי צווישן יידן, סיי צווישן נישט-יידן.

אין קליינע שטעטלעך פון קאָנגרעס-פוילן איז אויך פאַרשפּרייט דער מינהג פון ציען פאַרן אויער דעם בחור, וואָס איז אַ חתן געוואָרן, אָדער דעם מיידל, וואָס איז אַ כלה געוואָרן.

2) רייזנסאָרט: „מיין קושיודע וועט דיר נישט געשענקט זיין, דו וועסט איר נאָך אָפּרופן“ ביי מענדעלע מוכר ספרים (פישקע דער קרומער, ז' 112) הייסט עס „אָפּמוריען“.

פר' ז. בריש האָט מיר פריינדלעך דערציילט: „אין 1913 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין לענטשיץ, ווו איך האָב פאַרבראַכט ביי אַ געוויסן ר' יוסף לאַנדאַו מיטאַמאָל קומט אריין אַ יונגער פויער פון אַ שכנותדיק דאָרף—מוכע, דאַכט זיך האָט מען אים גערופן—און דערלאַנגט דעם ייד אַ האַמער. דער ייד האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס עס וויל פון אים דער פויער. ערשט נאָך דעם, ווי דער אָנגעקומענער האָט גובר געווען זיין בושה האָט ער דערציילט: מיין פאָטער מיינער און גוססט שוין דעם דריטן טאָג און קען נישט אָפּשטאַרבן, מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מיין פאָטער ביי דיר צוגעגנבעט אָט דעם האַמער. איצט ליגט ער, דער פאָטער מיינער און גוססט שוין דעם דריטן טאָג און קען נישט אָפּשטאַרבן. מיט עטלעכע שעה צוריק האָט ער „אָפּגערופן“ אָט אָ די גניבה און דער גלח האָט געהייסן איך זאָל דיך געפינען און דיר דעם האַמער אָפּגעבן, כדי ער זאָל קענען אָפּשטאַרבן“ דערציילט איז כאַראַקטעריסטיש. דאָס —ווי פר' ז. ב. האָט מיר איבערגעגעבן— ביידע צדדים האָבן דעם ענין זייער ערנסט טראַקטירט.

3) פון דאַנען די מאַלקט-ריטעניש: וואָס טוט איינער, אַז ער האָט נישט קיין שיין וויבל — אַרבעט ער מיט די מיאוסע (וואָרטשפּיל: מיתה=מיאוסע).

4) וויען—wyć, פויליש, וואָיען.

5) סטענקען—stękać, פויליש, קרעכצן.

6) געמיינט יידישע שונאים, משומדים און סתם בעלי-עברות.

ווי ווייט עס דערגרייכט די מורא בײַם פֿאָלק צו קומען אין בארירונג מיטן טויט כאָטש בלויז בדבור, אילוסטרירן אונדז צום בולטסטן די קללות. סוף כּל סוף זענען קללות דאָך אויטן על פּי רוב דעם טויט — דעם גרעסטן אומגליק; אָנשטאָט אָבער צו שילטן דירעקט: „זאָלסט שטאַרבן", גיט מען עס על פּי רוב אָנצוהערן בדרך מליצה: דער מלאך-המות זאָל זיך מיט דיר שפּילן; 1) זאָלסט גײן פּאַרקערט לעדערנע שיך (בלאָשקי 2); מאַר דײַן טיר 3) זאָל דיר וואַקסן גראָז; וואַקסן זאָל אויף דיר שוואַמען; פֿון דײַן דירה זאָל קײן רויך נישט גײן 4); מ'זאָל נאָך דיר דאָס וואַסער אויסגיסן 5); ליכט זאָל מען נאָך דיר אָנצינדן; באַלד און גיך זאָל מען נאָך דיר שבעה זיצן; אַ קלײן קינד זאָל נאָך דיר הייסן; דײַן נאָמען זאָל דיר אַ היים קומען 6); חבֿרה קדישא זאָל מיט דיר האָבן צו טאָן; פּנקס 7) טרעגער זאָל זיך מיט דיר מתעסק זײַן (שידלאָווצע); דעם אָנצוג זאָל מען נאָך דיר פֿאַרקויפֿן (שידלאָווצע); זאָלסט ליגן בײַ וואָלצון (קאָנסטאַנטין 8); אַ האָן זאָל נאָך דיר קרייען (שידלאָווצע); די הינט זאָלן פֿון דיר האָבן אַ קאָלאַציע (נײַשטעטל); אַ קאַנאַל זאָל מיט דיר פֿאַרשטאָפּט ווערן (שידלאָווצע); זאָלסט פֿאַרכאַפּט ווערן; זאָלסט אַוועקקומען אָן ויהי-נועם 9); מען זאָל דיך אַ היים ברענגען אין אַ לײלעך 10); אַ וואַגאָן קוילן זאָל זיך מיט דיר אויסמישן (שידלאָווצע); אַ באַן זאָל דיך האַלבירן (שידלאָווצע) 11); דײַן לעבער זאָל הענגען אין אַ טריפֿהנער יאַטקע און אַ הונט זאָל זי באַפּישן (באַלוט); פֿון דײַנע קישקעס זאָל מען מאַכן אַן עירוב (לוטאָמירסק); אַ באַלקאָן זאָל דיך צודעקן; אַ טראַמוויי זאָל דיר אַ פּוס אָפּטרעטן (לאָדזש); זאָלסט צעגײן ווי זאַלץ אין וואַסער (קאָנסטאַנטין); זאָלסט ווערן אַ לאָמפּ (לאָדזש); 12) ווער אַ ראָד און צעשיט.

1) שלום-עליכם: אַלע ווערק ב' 6, וואַרשע 1911, ז' 50.

2) דער אויסטײַטש פֿון דער קללה איז מיר אומבאַקאַנט. אפֿשר האָט זי אַ שײַכות צו דעם דין, אַז מען אבֿל טאָר נישט טראָגן קײן לעדערנע שיך און מײנט צו זאָגן: „פֿאַרקערט לעדערנע"—טוכענע—אבֿלטע?

3) האָט אַ טאָפּלטן באַטײַט: ליגן אין קבֿר אויף וועלכן ס'וואַקסט גראָז, און מענטשן זאָלן אים מײַדן; עס זאָל קײנער צו אים נישט קומען, און וווּ מ'גײט נישט, וואַקסט גראָז.

4) וואַריאַנט: זאָלסט באַנײַען אַ דירה אָן אַ קוימען.

5) איז שײַך צום מינהג אויסצוגיסן דאָס וואַסער אין דער שכונה וווּ עס ליגט אַ מת.

6) י. ל. פּרץ: בילדער און סקיצן ב' II, ניו-יאָרק 1920, ז' 48.

7) דער קבֿרן פֿון שידלאָווצע.

8) דער שומר פֿון בית-הקבֿרות אין קאָנסטאַנטין.

9) „ויהי נועם" זאָגט מען בעת מען מאַכט אויפֿן בית-עולמין הקפֿות מיטן מת.

10) בײַ א. ב. גאָטלאָבער [דער גלגול, ז' 232] הײסט עס: אַוועקטראָגן אין אַ לײלעך.

11) האַלבירן=צעטײלן אויף העלפֿט.

12) בײַ טאָג זאָלסטו הענגען, בײַ נאַכט—ברענען און פֿאַרטאָג אויסגײן.





אומדירעקטע קללות: דער ת.. זאָל דיר געשוואָלן ווערן פֿון שבעה זיצן; אין ווינטער-נעכט זאָלן דיר די צײן ווי טאָן און די זומער-טעג זאָלסטו שבעה-זיצן; בײַ דיר אין שטוב זאָל מען אײביק דאַווענען 1); דער קריעה-ריס זאָל זיך דיר קײן מאָל נישט אויסהײלן 2); (טאָמאַשאָוו).

ב.

THE PROBLEM OF EVIL

ווײַל דער מענטש באַטראַכט דעם טויט פֿאַר אַן אומגעהײערער עוולה, וואָס איז לגבי אים באַגאַנגען געוואָרן, בפֿרט נאָך, ווען עס שטאַרבט אַ יונגער מענטש, וועלכער „האָט נאָך געהאַט יאָרן צום לעבן", קען ער זיך נישט באַנוגענען מיט דעם אַלטן מאָטיוו, אַז דער טויט איז אַ פּועל-יוצא פֿון דעם חטא פֿון חווהן, און ער זוכט זיך דערײַבער אויס מער צוגעפּאַסטע מאָטיוון, וועלכע פֿאַרענטפֿערן אים אינדיווידועלע פֿאַלן:

אַ צדיק שטאַרבט איבער די זינד פֿון זײַן דור; אַ צדיק שטאַרבט, אויב ער ווערט נתבקש אין דער פּמליא של מעלה; אַ צדיק שטאַרבט, ווײַל זײַן דור איז אים נישט ווערט. עס טרעפֿט אַמאָל, אַז אין הימל איז אַ קטרוג אויף ייִדן, דעמאָלט גיט זיך דער צדיק אַלײן אָפּ פֿאַר אַ קרבן 3).

קינדער שטאַרבן איבער די זינד פֿון זײערע עלטערן; עלטערן שטאַרבן איבער די זינד פֿון זײערע קינדער. אַ מגיפֿה, דער עיקר צווישן קינדער ברעכט אויס, ווײַל עס זײַנען פֿאַראַנען חטאים אין שטאָט.

אַז אײנער איז משתּין גײענדיק, רעכנט מען אים אַראָפּ פֿאַר יעדן טריט אַ יאָר פֿון זײַן לעבן 4); אַז מען עסט אום יום-כּיפּור, לעבט מען נישט אויס דאָס יאָר. יעדער מענטש האָט זײַן לעמפּל אין הימל, פֿאַרלעשט זיך דאָס לעמפּל — מוז דער מענטש שטאַרבן 5). אַ כּלה טאָר נישט גײן אַלײן אין איר חופּה-טאָג, אַז נישט שטאַרבט זי 6) (שידלאָווצע).

נאָך גרעסער איז די עוולה פֿון אַ פּלוצלונגדיקן טויט, וועלכער ווערט באַצײכנט, ווי „אַן אויסכאַפּעניש", אָדער „פֿאַרכאַפּעניש" 7) און נאָך גרונטיקער און קלאָרער מוזן זײַן זײַנע פֿאַרענטפֿערונגען.

אַ פּלוצלונגדיקער טויט קומט איבער פֿאַרשײדענע סיבות:

ווײַל עס איז פּלוצלונג פֿאַרלאָשן געוואָרן דאָס לעמפּל אין הימל. ווײַל

1] בײַ אַן אבֿל דאַווענט מען במשך פֿון דער „שבעה".

2] „נישט אויסהײלן" - קײן מאָל נישט פֿאַרגײן, אײביק זײַן אַן אבֿל.

3) אַזאַ מעשה דערצײלט זיך וועגן צבֿי הערש זידיטשעווער (זע עשר קדושות, פּעטריקאָוו תּרע"ו, ז' 20, 21).

4) אין שידלאָווצע גיט מען פֿאַר יעדן טריט אַ יאָר גיהינום

5) נ. פּרילוצקי: ייִדישע פֿאָלקסלידער, וואַרשע תּרע"ג, ב' 2, ז' 27, 40.

6) אפֿשר נאָר געמײנט בדרך הלצה: זי וועט שטאַרבן, דאָס איז זיכער, אָבער ווען [צי במשך פֿון יאָר] ?

7) שלום עליכם: הײנטיקע קינדער, ז' 3.

דער מלאך-המות האָט אויף אים אַן אויג געוואָרפן. מען הויבט אויס די נשמה און מען שטאַרבט 1). די נשמה פליט אויך אַרויס פלוצלינג מחמת שרעק 2); מחמת שמחה 3); מחמת תאווה 4) אדג"ל.

אַז איינער שטאַרבט פלוצלונג, איז אַ סימן, אַז ער איז געווען אַ רשע 5). מאַרקערט: אַז איינער שטאַרבט פלוצלונג, איז אַ סימן, אַז ער איז געווען אַ צדיק 6).

דער מלאך-המות. וועלכער איז נישט „קיין פרייד-מאַכער, נאָר אַ לייד-מאַכער" (בלאַשקי) 7), באַווייזט זיך צום גוסס אין פאַרשיידענע געשטאַלטן, און ביים פאָלק ווערט עס פאַרשיידנאַרטיק פאַרגעשטעלט 8):

דער מלאך-המות זעט אויס ווי אַן אַלטער זיידע 9), ווי אַ גרייזער מאַן 10), ווי אַ שפיאָן 11). דער מלאך-המות האָט אַ בלעכערנע באָרד. דער-מלאך-המות איז בלויז רוחניות, האָט אין גאַנצן קיין קערפּער נישט (שידלאָוו-צע) 12). דער מלאך-המות האָט אַ הילצערנע שווערד (שידלאָוצע) 13). דער מלאַך-

1) יונה ראָזענפעלד: געשטערטע זאכן, ז' 9.
דערפון [illegible] באַצייכענונג פאַר אַ חלוש: „די נשמה הענגט אים אויפן שפּיץ נאָז" = עס, עס וועט ער זי אוי[illegible]כן. [ממו"ס: דער פּריזיוו, ז' 93; מסעות בנימין השלישי, ז' 72].
2) ש[illegible] עליכם: אויפן פידל, ז' 18.
3) [illegible] גאָטלאָבער: דער אָרימער עושר, ווילנע 1927, ז' 11.
4) [illegible]: דאָס קליינע מענטשעלע, ז' 87.
5) [illegible] ער האָט נישט באַוויזן קיין ווידוי צו זאָגן, קיין צוואה צו מאַכן און זיך צו געזעגענען מיט זיינ[illegible] קרובים.
6) ווייל ער האָט נישט געליטן קיין יסורי-מות.
7) [illegible] ווייל, אַז עס זאָל .עמעצער שטאַרבן [אַ קראַנקער, אַ קאַליקע וכו'] שטאַרבט
8) שוין [illegible] וועלט ווי אַ מלאך מיט אַ צוויי שאַרפיקער שווערד' וואָס ער צעשיידט זיך [illegible] קיין מאָל נישט. און ווען ר' יהושע בן לוי האָט ביי אים די שווערד אַרויסגעכאַפּט און געוואָלט מיט איר אַנטלויפן איבער דעם גן-עדן-מויער, האָט אים דער מלאך-המות אָנגעכאַפּט פאַר דער פּאָלע און אים נישט געלאָזט אַנטלויפן. היות ר' יהושע האָט די שווערד באַין אופן נישט געוואָלט אָפּגעבן, האָט מען פון הימל ביי אים געפּועלט, אַז לטובת דער מענטשהייט זאָל ער דאָך די שווערד אָפּגעבן. [זע ש. אַנסקי: געז' שריפטן, ב' 15, 1925, ז' 25, 26].
9) נ. פּריילוצקי: רצ"ב, ז' 13
10) דאָרט ז' 14.
11) דאָרט ז' 22, 33.
12) אין שידלאָווצע קומט דער מ"ה דורך דער שפּאַרע פון לאָדן, דורכן שליסל-לאָך אד"גל.
13) די וועלכע שטאַרבן שווער, איז עס דערפאַר, ווייל זיי ווערן געשאַטן מיט דער הילצ-





המות קוועטשט צו דעם גאָרגל מיטן גראָבן פינגער (שידלאָווצע 1).

דער מלאך-המות ווערט אויך פאָרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פון פאַרשיידענע חיות, און דעריבער הערשט אין טייל ערטער דער מינהג נישט צו פאַריאָגן קיין חיה פון צימער, ווו עס ליגט אַ גוסס, ווייל פאַריאָגנדיק די חיה, פאַריאָגט מען דעם מלאך-המות און מען פאַרלענגערט דעם גוסס זיינע יסורים.

אַז איינער איז קראַנק און עס טשעפּעט זיך צו אים אַ פליג, פון וועלכער ער קען נישט פּטור ווערן, איז אַ סימן, אַז דער קראַנקער וועט שטאַרבן 2).

דער מלאך-המות ווערט אויך פאָרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פון אַן עוף 3), פון אַ זעלנער 4) אאז"וו.

אויך וועגן דער נשמה, וועלכער איז דער תמצית, דער טרעגער פון לעבן, האָט דאָס פאָלק זיינע באַגריפן, בפרט נאָכן טויט, ווען פאַר דער נשמה הייבט זיך ערשט אָן דאָס אייגנטלעכע „לעבן" אין גן-עדן, צי אין גיהינום:

אַ גוטער מענטש, האָט „אַ כשרע" נשמה. אַן ערלעכער מענטש, האָט אַ „ריינע" נשמה. ביי אַ מענטש, אַ חלוש, „ליגט די נשמה אויף דער שפּיץ נאָז" 5).

די נשמה פאַר דעם מענטש ווערט גענומען פון הינטער דעם כסא-הכבוד, און אַז די נשמה דאַרף אַראָפּנידערן אין גוף, שרייט זי און איר קול גייט פון איין עק וועלט צום אַנדערן און מיט פייערדיקע בייטשן ווערט זי געיאָגט אין מענטשלעכן גוף אַריין.

די נשמה ווערט אַזוי לאַנג מגולגל, ביז זי קומט צוריק אין הימל אַריין אַ געלייטערטע און אַזוי ריין, ווי זי איז פון הימל אַרויס.

די נשמה פון אַ צדיק ווערט מגולגל אין אַ פיש 6). די נשמה פון אַ צערנער שווערד.

1) אין סתירה צו זיין אומגלויבקייט.
2) אין דעם פאַל איז די פליג דער מלאך-המות.
3) אַ מאַן, וועלכער האט זיך געוואָלט איבערצייגן אין דער געטריישאַפט פון זיין ווייב, האט איין מאָל, ווען זי איז קראַנק געווען, אָנגעשאָטן מיט אַרבעס פון דער טיר, ביז צום בעט, אין וועלכן זי איז געלעגן, און אַליין האט ער זיך געלייגט אין צווייטן בעט אַריין. עס איז אַריינגעקומען אַן אינדיק און האט אָנגעהויבן קלייבן די אַרבעס. די מרוי, מיינענדיק, אַז דאָס איז דער מלאך-המות, האָט זי אָנגעהויבן בעטן: מלאך-המות לעב, ניי אַ ביסל ווייטער, צום צווייטן בעט, ער איז עלטער [פון אַ פאָלקס-אַנעקדאָט].
4) „דער מלאך-המות פאַרשטעלט זיך פאַר אַ זעלנער, כדי מען זאָל מיינען, ס'איז יונקל מיטן רויטן קאָלנער" [פון אַ פאָלקס-ליד].
5) זע באַנד 1, צו ז' 156
6) המטעמים, ז' ד 20.

butcher who ate treyf → black crow

שוחט, אַ מאכיל טרפות, ווערט מגולגל אין אַ שוואַרצער קראָ 1). די נשמה פון אַ חזן, נישט קיין ערלעכער ייִד, ווערט מגולגל אין אַ הונט 2). די נשמה פון אַ מסור ווערט מגולגל אין אַ צויג. די נשמה פון אַ מסור ווערט מגולגל אין אַ פּאַפּוגײַ (שידלאָוועצע) 3). די נשמה פון אַ קמצן, ווערט מגולגל אין אַ חזיר (שידלאָוועצע).

עס איז דער נשמה זיך אַזוי שווער צו שיידן מיטן גוף, ווי עס איז שווער אײַנצופֿעדימען אַ גראָבן שטריק אינעם אויער פֿון אַ פֿײַנעם נאָדל.

אַז די נשמה קומט אַרויס פֿון גוף, וויל זי גלײַך פֿליִען אין הימל אַרײַן, אָבער די משא פֿון די עבֿירות, וואָס זי האָט בײַם לעבן געטאָן, איז אַזוי שווער, אַז זי קען נישט פֿליִען.

די גאַנצע צײַט פֿון דער שבֿעה דרייט זיך די נשמה אַרום אין דעם צימער, אין וועלכן דער גוטס איז געשטאָרבן 4). אין טייל ערטער איז מען זיך נוהג, אַז נאָך דעם, ווי די אבֿלים הייבן זיך אויף פֿון „שבֿעה-זיצן", גייען זיי אויפֿן בית-עלמין, כּדי צו באַגלייטן די נשמה אין איר אייביקער רו 5).

די נשמה וויל זיך צוריק באַהעפֿטן מיטן גוף און דורך די גאַנצע שלושים דרייט זי זיך דעריבער אַרום אַרום קבֿר 6).

אַ זינדיקע נשמה דרייט זיך אַרום, אָדער „בלאָנקעט" אויפֿן עולם-התּהו 7) און קען קיין תּיקון נישט געפֿינען.

ווען עס חלומט זיך איינעם, אַז ער פֿליט, איז עס אַ סימן אַז זײַן נשמה איז בײַ נאַכט געווען אין הימל, וווּ מען האָט געוווינן זײַנע מעשׂים, און די עבֿירות האָבן איבערגעווויגן.

די נשמה גייט יעדע נאַכט, בעת דער מענטש שלאָפֿט, אין הימל אַרײַן אָפּגעבן אַ דין-וחשבון אויף אירע מעשׂים. זי וויל אָבער קיינמאָל נישט צוריק

---

1) געקומען אַ מאָל אַ שוחט צו אַ צדיק, ער זאָל אים געבן קבלה אויף שחיטה. האָט דער צדיק אים אַרויסגעלייגט זײַן טיכל אויף די אויגן און האָט אים געוויזן ווי די ביימער פֿון זײַן גאָרטן זײַנען באַלעגערט מיט שוואַרצע קראָען — מיט נשמות פֿון שוחטים, וועלכע וואַרטן בײַ אים אונטערן פֿענצטער אויף אַ תּיקון [פֿון אַ פֿאָלקס-מעשׂה].

2) ווײַל זײַן דאַוונען האָט פֿאַר גאָט געהאַט אַזאַ חשיבֿות, ווי דאָס בילן פֿון אַ הונט.

3) ווײַל ער האָט געטאָן גראָד ווי דער פּאַפּוגײַ: געריידט און נישט געוווּסט ווען און וואָס און פֿאַר וועמען מען דאַרף יאָ, אָדער נישט ריידן.

4) דעריבער איז אַ מינהג איבערצולאָזן אין דעם צימער, וווּ דער גוטס איז געשטאָרבן, אַ גלאָז וואַסער פֿון דער טהרה און אַ שטיקל לײַוונט פֿון די תּכריכים, כּדי די נשמה זאָל זיך האָבן וווּ צו טובלען און מיט וואָס זיך אָפּצווישן. זע המטעמים ז' 7 ג; מצבֿות משה: הנהגות ה"ק והאבל יג.

5) מ. טעפּעקטאָר: מײַן לעבן, וואַרשע 1927, ז 36.

6) פֿון דענען די פֿאַרגלייכעניש: דרייט זיך ווי די נשמה פֿאַרן קבֿר.

7) ממו"ס: אין אַ שטורעם-צײַט, ז' 43.



אַראָפּגעדערן אין מענטשלעכן גוף אַרײַן, מען מוז זי נייטן דערצו. דעריבער זאָגט מען אין דער פֿרי באַלד, ווען מ'כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף: „מודה אני... שהחזרת בי נשמתי וכו'".

ווען מען לייגט זיך אַ הונגעריקער, טאַנצט די נשמה אין שלאָף מיט בעטלערס 1).

עס וואָלט דעם מענטשן געשען דאָס גרעסטע אומגליק, ווען דער טויט זאָל אים אומגעריכט און פּלוצלונג אַרויסרײַסן און אָפּשניידן פֿון די אַרומיקע. דאָס פֿאָלק האָט דעריבער זיך אויסגעזוכט זײַנע סימנים, (על פּי רובֿ זײַנען דאָס דערשײַנונגען נישט טאָג-טעגלעכע), לויט וועלכע מען דערקענט דעם אָנזאָג, אָדער די דערנענטערונג פֿון טויט:

אַז אַ קראָ קלאַפּט אין פֿענצטער, איז עס אַ סימן, אַז דער מלאך-המוות וועט אַרײַן 2). ווען עס „טרעשטשעט" דער דאַך איז אַ סימן, אַז דער מלאך-המוות איז איבער אים געגאַנגען (בלאַשקע). ווען אַ קאַץ לויפֿט אַ דורך אונטער דער חופּה צווישן חתן-כּלה, וועלן זיי דאָס יאָר נישט איבערלעבן 3). ווען עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט, איז אַ סימן, אַז עס האָט זיך ווער אויפֿגעהאָנגען 4). ווען מען דערזעט נישט זײַן שאָטן אום הושענא-רבה בײַ נאַכט, איז אַ סימן, אַז מען וועט דאָס יאָר נישט איבערלעבן.

ווען עס גייט ווער בײַ נאַכט פֿאַרבײַ דער שול און ער הערט פּלוצלינג אויסרופֿן זײַן נאָמען, וועט ער דאָס יאָר נישט איבערלעבן 5). אַז די חלוצה טרעפֿט דעם חלוצה-שוך ווען זי וואַרפֿט אים אַוועק, וועט דער געטראָפֿענער

---

threaten

1) ווײַל בעטלערס זײַנען אויך הונגעריק. אַזוי סטראַשעט מען קינדער, אויב זיי ווילן נישט עסן קיין וועטשערע.

2) אַ קעגן ווען אַ פֿייגעלע קלאַפּט אין פֿענצטער, איז עס אַ סימן אויף גוטע בשׂורות.

3) אויב אַ שוואַרצע קאַץ פֿאַרלויפֿט וועמען דעם וועג, זאָל ער זיך צוריקקערן, ווײַל ער וועט אין דעם וועג נישט מצליח זײַן.

בעלי-חיים האָבן בכלל זייער אַ נאָענטן שײַכות מיט זייער סבֿיבֿה און זיי זײַנען אָנזאָגער פֿון פֿאַרשיידענע געשעענישן; אויב אַ סך סטראָקעס שטעלן זיך אויס אויפֿן דאַך, זאָגן זיי דערמיט אָן אַ גוטע פּאָגאָדע [ממו"ס: דער פּריזיוו, ז' 47]. ווען אַ קאַץ וואַשט זיך, איז אַ סימן, אַז געסט וועלן קומען [ממו"ס: דאָס ווינטשפּינגערל ז' 340] אא"וו.

4) אין קאָנסטאַנטין: אַז אַ מכשפֿה האָט זיך אויפֿגעהאָנגען, בײַ נישט-ייִדן: אַז דער טויטנגרעבער, אָדער היצעל האָט זיך אויפֿגעהאָנגען.

5) עס איז אַ מאָל אַ ייִד פֿאַרבײַגעגאַנגען בײַ נאַכט פֿאַר דער שול און ער האָט געהערט, ווי מען האָט אים אויפֿגערופֿן צו אַן „עליה". יענער האָט זיך אָבער נישט פֿאַרלוירן, איז אַרײַן צום רבֿ, וועלכער האָט געוווינט נעבן דער שול און וועלכער איז געווען אַ גרויסער צדיק, און האָט אים דערציילט פֿון דעם פֿאַל. דער רבֿ האָט אים איבערגעגעבן זײַן גאַרטל, האָט אים געהייסן אַרײַנגיין אין שול, אַרויף אויפֿן בעלעמער, מאַכן די ברכה איבערן ספֿר, נאָר, טײַ בײַם אַרײַנגײן

ניִשט אויסלעבן דאָס יאָר 1). ווען עס חלומט זיך ווּעמען, אַז ער האָט זיך גע־זען מיט טויטע קרובים, וועגן וועלכע ער האָט ביי טאָג אין גאנצן נישט געטראַכט, איז עס פאַר אים זייער אַ שלעכטער סימן. אַ שלעכטער סימן איז אויך פאר דעם וועמען עס חלומט, אַז עס זיינען אים די ציין ארויסגעפאַלן אָדער עס חלומט זיך אים, וועגן יום-כפּור: אין ערשטן פאַל באטייט דער חלום אויף טויט פון אים, אָדער זיינע נאָענטע, און אין צווייטן פאַל, באטייט דער חלום אויף אַ קיטרוג — אין ביידע פאַלן דאַרף דער געטראָפענער צו מאָרגנס פאַסטן אַ תענית-חלום. ווען אַ קראנקער הייבט פלוצלינג אָן צו רײדן וועגן זיינע טויטע קרובים, איז עס אַ סימן, אַז זיי זיינען געקומען נאָך זיין נשמה.

fasting after a bad dream

„אָנזאָגערס״ פון בשורות, סיי גוטע, סיי שלעכטע, זיינען אויך ליכט. די נשמה פון אַ מענטשן איז געגליכן צו אַ ליכט 2). און זיי זיינען דעריבער אַ ביטיקער אָקוויזיט אין יידישן לעבן. אַ ליכט קען דער ייד זיך נישט באַ־גיין, נישט אין פרייידן און נישט אין ליידן:

CANDLES

אַז אַ ליכט ברענט זיך אויס גלאַטיק און ריין, איז עס אַ סימן, אַז דעם וואָס האָט עס אָנגעצונדן וועט עס גיין גלייך און גלאַטיק. אָקעגן, טאָמער ווערט אַ ליכט פאַרלאָשן, איז עס אַ שלעכטער צייכן פאַר דעם וואָס האָט עס אָנ־געצונדן 3).

---

אין טיי פרויטגיין זאָל ער נאָר קוקן פאַר זיך, נישט אויף רעכטס, נישט אויף לינקס, צי גאָר חס ושלום אויף הינטן. דער ייד האט געטאָן אזוי ווי דער צדיק האט געהייסן, און עס האט די גאַנצע צייט איגו נישט געשטערט. ביים טרויסגיין האט מען אויף אים געוואָרפן שטעגדערס, בענק און אַנדערע חפצים, נאר ווייל דער ייד האט געפאלגט די עצה פונעם צדיק, איז ער נישט ניזוק געוואָרן [פאלקס-מעשה].
things

1) אין בלאַשקע דערציילט מען, אַז אַמאָל איז אַ יידענע געטראָפן געוואָרן פון דעם חלוצה-שיך און זי האָט געפרעגט דעם רב, צי מעג זי נאָך אַ היים גיין, אָדער דאַ שטאַרבן?...

2) כי נר אלקים נשמת אָדם. פון דאַנען די באַצייכענונגען: אויסגיין ווי אַ ליכט, אַנקן ווי אַ ליכט, וואָס ווערן אזוי אָפט געברויכט סיי אין לעבן, סיי אין דער ליטעראַטור: [ממו״ס; די טאַקסע, ז׳ 103; שלמה ר׳ חיימס ז׳ 122; פישקע דער קרומער, ז׳ 167; דער פריזיוו, ז׳ 85: דאס ווינטשפינגערל, ז׳ 300; ד. בערגעלסאָן: וועלט אויס וועלט איין, ז׳ 85; שלום עליכם: מיין ערשטער ראָמאַן ז׳ 14; י. דינעזאָהן: הערשעלע, ז׳ 112; י. מ. ווייסענבערג: דער איבערגאַנג ז׳ 20; מ. גראַאובארד: אַן אַנדער לעבן, ז׳ 298; י. ל. פרץ: בילדער און סקיצ ז׳ 31] א״א.

ביי י. י. לינעצקין (דאָס פוילישע יינגל ז׳ 103) הייסט עס: „איינגעהן ווי אַ ליכט״.

3) זע ד״ר ש. עטינגער: אַלע כתבים, ווילנע 1925, ז׳ 111; ממו״ס: די טאַקסע, ז׳ 23.





ווען עס ווערט עמעצן זיין יום-כפּור ליכט אויסגעלאָשן, וועט ער דאָס יאָר נישט אויסלעבן. ווען עמעצנס אַ יאָרצייט-ליכט ווערט פאַרלאָשן איז עס זייער אַ שלעכטער סימן. די ליכט וועלכע מ׳צינדט אָן אום מוצאי שבת, טאָר מען נישט פאַרלעשן, ווייל עס וועט די גאַנצע וואָך דערגיין שלימזלדיק. ווען די פרייטאָג-צו-נאַכטיקע ליכט הייבן אָן צו שמעלצן און ס׳איז פאַראַן אַ מורא, אַז זיי זאָלן פאַרלאָשן ווערן, זאָל מען צו דער זייט וווהין ס׳האָט זיך אויסגע־בויגן דער פלאַם, אַוועקלייגן אַ נישט קיין אָנגעהויבענע חלה, און דער פלאַם וועט זיך גלייך שטעלן, און דאָס ליכט וועט אויפהערן טריפן. ווען די שבת־ליכט ברענען נישט ריין, נאָר די פלאַמען ווארפן זיך און שפּריצן, איז עס אַ סימן, אַז עס זיינען פאַראַנען שדים אין שטוב און מ׳דאַרף לאָזן בודק זיין די מזוזות.

שבת

examine = בודק זיין

ליכט זיינען נישט בלויז קיין בשורה-אָנזאָגער, נאָר אָפט „דעצידירן זיי״ אויך איבערן גורל פון דעם מענטש:

ווען איינער האָט אַ שווערן משפט, אָדער ער שטעלט זיך צום פריזיוו, זאָל ער אין דער צייט ווען זיין משפט וועט אָנגיין, אָדער אין דער צייט ווען די פריזיוו-קאָמיסיע וועט אים אונטערזוכן, אָנצינדן אַ ליכט פאַר דער נשמה פון ר׳ מאיר בעל-הנס, און ער וועט ארויסקומען בשלום.

נישט בלויז ליכט, נאָר יעדער מין פייער איז אַ בשורה-אָנזאָגער. אַן אָנווייזער וכד׳:

FIRE

ווען דאָס פייער קנאַקט אין קוימען, איז עס אַ סימן אַז געסט וועלן קומען. ווען דאָס פייער „שרייט״, איז עס אַ סימן, אַז שכנים באַריידן די בעל־הביתטע. ווען מען זיצט אין אַ געזעלשאַפט און מען וויל דערגיין ווער פון דער סביבה, עס איז עמעצן אַ שונא, זאָל מען נעמען אַ שוועבעלע, עס אָנ־צינדן און שטעלן עס אויפן טיש מיטן פלאַם אַראָפּ, צו וועמען דאָס אויסגע־ברענטע שוועבעלע וועט זיך צובייגן, דער דאָזיקער איז דער שונא.

אויב דאָס פאָלק האָט זיך אויסגעקליבן סימנים און „אָנזאָגערס״ פון שלעכטע אָדער גוטע בשורות, האָט עס דאָך דאָס נישט געטאָן בלויז, כדי צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און אָפּצוואַרטן דעם טויט, אָדער אַן אַנדער אומגליק; קודם כל האָט דאָס פאָלק געדאַרפט וויסן וועגן דעם אָנקום, דערנענטערונג פון אומגליק, וועגן דעם „גזר־דין״, כדי אים צו קענען אויסמיידן, נישט דערלאָזן דעם אָנקום, צערייסן די שלעכטע גזירה. און עס וועט דעריבער זיין אינטער־רעסאַנט זיך צו באַקענען מיט די מיטלען, וועלכע דאָס פאָלק פאַרמאָגט קעגן אַלע מינים שלעכטע גזירות:

שוין אין תלמוד געפינט מען פאַרשיידענע פאָרמולעס, וואָס מיט זייער כוח איז דער מענטש אין שטאַנד אָראָפּצוואַרפן פון זיך אַ שרעק. וועלכע איז

אים פלוצלונג באַפאַלן 1), צו פאַרקלענערן, צי גאָר אין גאַנצן אומשעדלעך מאַכן די אויף אים לויערנדיקע סכנה 2).

PROPHYLACTIC DEVICES

אויסער די אַלטע, „אויסגעפּרוּווטע" גזירה־צעריייסנדיקע מיטלען: תשובה, תפילה און צדקה, פאַרמאָגט נאָך דאָס פאָלק פיל אַנדערע פּראָפילאַקטישע מיטלען:

ווען עס חלומט זיך ווּעמען אַ שלעכטער חלום, איז דער בעסטער מיטל אים „אויסצוּבטלען" אויף שונאימס קעפּ מיט אַזאַ שפּראַך: „מיין בייזער חלום, אויף מיינע שונאימס קעפּ, אויף זייערע הענט און פיס און זייער לייב און לעבן"; אָדער: „מיין בייזער, פאַרוויסטער, אויף קאָפּל, דעם שוסטער" 3).

ווען מען דערשרעקט זיך פּלוצלונג זאָל מען נעמען אַ שמרוי אָדער אַ בעזעם, אַוועקלייגן אים אין מיטן שטוב און איבער אים דריי מאָל אריבערגיין. נאָך יעדן אריבערגאַנג זאָל מען אויסשפּייען און זאָגן: „טפו, מיך אַרט נישט" (שידלאָווצע) 4).

ווען מען דערשרעקט זיך פּלוצלינג זאָל מען נעמען די ציצית אין דער האַנט, פאַרגלייזן די אויגן און דריי מאָל שרייען: „שמע ישראל" (שידלאָווצע):

ווען אייגער דערשרעקט זיך איבער עפּעס אַ סיבה און דערוּווסט זיך שפּעטער, אַז זיין שרעק איז געווען אַן אומזיסטע, שפּייט ער אויס און זאָגט „טפו, ט'זאָל מיר געהערן צו יענעם יאָר.

ווען מען דערשרעקט זיך איבער אַ הונט, זאָל מען זאָגן: „הינט, הינט איך בין יעקב־אבינוס אַ קינד, אַז דו וועסט מיך צעבייסן, וועט קומען יעקב־אבינו און וועט דיך צעריייסן" (לוטאָמירסק) 5).

1) ווען איינעם בטפאלט פלוצלונג אַ שרעק און ער ווייסט נישט פון וואַנען זי דערנעמט זיך, זאָל ער זאָגן: „עיזא דבי טבחא שמינא מינאי" (מס' מגילה).

2) ווען איינער וויל טרינקן וואַסער בײַ נאַכט און ער האָט מורא עס זאָל פון דעם וואַסער נישט האָבן געטרונקען קיין שד, זאָל ער זאָגן: שברירי ברירי רירי ירי רי י און ער מעג שוין טרינקען.

3) געהערט אין קאָנסטאַנטין פון אַן אַלטיטשקען ייד, ר' הערשעלע שלעסער.

4) דער בעזעם (BROOM) שפּילט בכלל זייער אַן אַקטיווע ראָלע אין יידישן לעבן; ווען אַ קינד דערשריקט זיך, גיסט מען אים האָקס דורך די ריטלעך פון אַ נייעם בעזעם. אַ טויטן גיט מען אים דער האַנט אריין ריטלעך פון אַ בעזעם, א"ג „געפּערלעך" (גלאָזונע און אַסך אַנדערע מקומות, זע קצור שלחן ערוך ס' קצו, ה'; מצבת משה ט); ווען אַ שונא גייט אַרויס פון שטוב, קערט מען אין נאָך מיט אַ בעזעם. אַ קעגן אַ גוטן פריינד טאָר מען נישט נאָך קערן מיט א בעזעם; אַ קינד טאָר מען נישט שלאָגן מיט קיין דאַרן בעזעם, וויל עס וועט באַקומען דאָס „דאַרענייש"; איבער אַ בעזעם טאָר מען נישט אריבערגיין; ווען אַ קינד גייט איבער אַ בעזעם, וואַקסט עס נישט; ווען מען ציט זיך אַרויס פון אַ דירה, זאָל מען איר אויסקערן מיט אַ בעזעם, כדי דער פרישער שכן זאָל נישט דאַרפן „נאָך צו קערן." דעם בעזעם טאָר מען אָבער נישט איבערלאָזן, וויל מען לאָזט צוזאַמען מיט אים, אויך איבער דאָס מזל. אויך די נעגל פון די ווענט פון דער אַלטער דירה זאָל מען ארויסנעמען, אויב נישט, לאָזט מען דאָרט איבער דאָס מזל.

5) בדרך הלצה: ווען אַ הינט וויל בייסן, זאָל מען זאָגן דעם פּסוק: לנכרי תשיך, לאחיך לא תשיך.





THUMB = GOY
PINKY = JEW

ווען מען דערזעט אַ נישט־גוטן, זאָל מען צולייגן דעם גוי (דעם גראָבן פינגער) צו דעם ייד (דעם מינדיעסטן פינגער) אין מען זאָל זאָגן דעם שפּראָך:

טרינע באַרינע,
דעמבענע קאַרינע,
ווייצענע קלייען —
גלייך אויפן בית־החיים

און באַלד אַ געשריי טאָן „שמע ישראל" און דריי מאָל אויסווישן דאָס רעכטע אויג מיט דער לינקער פאה און ביי איטלעכן ווישׁ אויסשפּייען און זאָגן: „גיי אין דיין רו אַריין, טפו, פריטש מיר" און מען זאָל אַנטלויפן אויף אַלע פיר 1).

ווען אַ קינד דערשרעקט זיך, זאָל מען עס תיכף צוּאַפּהאַלטן משתין זיין, און די שרעק וועט טון אים אַוועק.

ווען אַ קינד פאַלט און צעקלאַפּט זיך זאָל מען אויף דעם אָרט, וווּ דאָס קינד איז געפאַלן אויסגיסן אַ ביסל וואַסער, און ס'וועט דעם קינד נישט שאַטן 2).

כדי אָבער עס זאָל באַלד לכתחילה נישט קומען צו קיין דערשרעקענישן, בייזע חלומות און שלעכטע בשורות, האָט מען זיך געמוזט אויסזוכן פאַרשיידענע פאַרהיט־מיטלען:

מען טאָר זיך נישט שפּילן מיטן שאָטן, נישט רייצן זיך מיט אים 3). קינדער, אונטער דריי יאָר טאָר מען נישט שפּיגלען. מען טאָר נישט קוקן אויף דער לבנה, מען טאָר נישט טייטן מיט דעם פינגער קעגן דעם הימל.

כדי אויסצומיידן, שלעכטע חלומות, טאָר מען נישט לאָזן אויף איבער נאַכט שטעקן קיין לעפל אין טאָפּ. מען טאָר אויך נישט לאָזן איבערנאַכט קיין נישט אָפּגעוואָשן געפעס. כדי אויסצומיידן שלעכטע חלומות, זאָל מען זיך לייגן אויף דער לינקער זייט, זאָגן „המפיל" און איינשלאָפן. וויל מען, אַז עס זאָלן זיך נישט חלומען בייזע חלומות, זאָל מען די אויסגעטוענע שיך נישט אוועקשטעלן מיט די נעז צו דער טיר (ניישטעטל).

ג.

די גטיטה־סטאַדיע דאַרקענט מען: ווען דער קראַנקער פאַרבלט מיטן

1) י. י. לינעצקי: דאָס פוילישע יינגל, ז' 38.

2) דער מזל איז מפר דעם קינד, על פי רוב אומשעדלעך, וויל: „אַז אַ קינד פאַלט, שפּרייט דער מלאך אונטער זיינע פליגלען" [מאַלקע־גלויבן].

3) דער שאָטן איז אַן אָנזאָגער פון בייזע בשורות [זע אויבן]. נאָר לעצדיקע פּשעמטישן פאַרמאָגן שאָטנס, נישט קיין שדים און רוחות (איז בפירוש געזאָגט פון דער משנה: הקורא מתוך הבור חנו גט לאשתי וכו' און דער תלמוד פירט אויס, אז כדי צו זיין זיכער, אַז דאָס האָט נישט קיין שד אזוי ארויסגערעדט פון גרוב, מוז דער הערער האָבן געזען זיין שאָטן און דעם שאָטנס שאָטן).

הארץ 1); ווען דער קראַנקער פּאַכעט מיט דער נשמה 2); ווען די אבֿרים ווערן שטייף; ווען דער קראַנקער עפענט די הענט 3); ווען די מראה ווערט גע-שלאָגן 4); ווען דער קראַנקער פאַרגלייזט די אויגן; ווען דער קראַנקער דרייט זיך אויס צו דער וואַנט; ווען ער הייבט זיך פּלוצלונג וואַשן די הענט; ווען ער הייסט זיך איבערטאָן ריינע וועש; ווען דער קראַנקער רופט פּלוצלונג אָן נעמען פון טויטע (זע אויבן).

אויך די גסיסה, ווי דער פאַר-עטאַפּ פונעם טויט, ווערט נישט אָנגערופן ביים נאָמען. אַנשטאָט צו זאָגן: ער גוססט, זאָגט מען: ער האַלט שמאָל 5); ער האַלט שוין ביי נעילה; ליגט אין הינערפּלעט 6); גרייט זיך אין וועג אַריין, מאַכט זיך ט פּעקל; האַלט ביי ווערן אַ חכם 7).

נישט שטענדיק אָבער איז די גסיסה דער לעצטער עטאַפּ פון לעבן. עס טרעפט אָפּט, אַז אפילו עס האָבן זיך ביים חולה שוין באַוויזן די גסיסה-סימנים און זיינע קרובים לאָזן נישט אָפּ און טוען די נייטיקע סגולות, ראַטעווען זיי אים אָפּ. אָפּראַטעווען אַ גוסס קען מען דורך „פּדיון-נפש" — מען זאַמעלט אין שטאָט געלט פאַר דעם קראַנקנס נשמה, און דאָס געלט צעטיילט מען אויף צדקה.

ווען עס האַלט שלעכט מיטן חולה איז מען מפקיר זיין אייגנטום: מען צעעפנט די טירן און שומלאָדן פון די שאַפעס, און ווער עס וויל קומט און נעמט פון וואָס עס איז פאַראַנען 8).

1) אין קאָנסטאַנטין: „די ריכטיקע מוזיק". אין באַלשקע: „דער כויכער ניגון" אין לוכע-מירסק: „אַרבעטן מיט דער מיתה". ביי י. מ. וויסענבערג [זוירקלעכקייט, וואַרשע 1925, ז' 69]; „די טויעריקע בלי-ומרי'"

2) ממו"ס; דער חילוף ז' 6; שלום עליכם; טעודער בלאַנק, ז' 45; י. דינעזאָהן: הנאהבים והנעימים [וואַרשע 1928] ז' 60.

3) פאַר וואָס, אַז דער מענטש ווערט געבוירן, האַלט ער די הענט פאַרמאַכט און ביים שטאַרבן עפענט ער זיי? — ווייל, אַז דער מענטש ווערט געבוירן, איז אים אַלץ צו ווייניק און ער וואָלט נעוואָלט די גאַנצע וועלט איינשלינגען; ביים שטאַרבן אָבער איז אים שוין אַלץ צופיל [פאָלקס-ווערט).

4) דער חולה באַקומט אַן אַנדערע קאָליר: לוטאָמירסקער טערמין.

5) יונה ראָזענפעלד: דצ"ב ז' 105; י. דיגענזאָהן; דער קריזיס, ז' 115; ממו"ס; אויף אסיפות ז' 3; יודעל ז' 122; דאַס ווינטשפינגערל ז' 299; פישקע דער קרומער, ז' 142.

6) ממו"ס; דער לופטבאַלאָן, ז' 73.

7) גייט פאַרלאָזן דעם עולם ההבל.

8) אַ פרוי האָט „געהאַלטן זייער שמאָל" און זי האָט אַלץ מפקיר געווען. שפּעטער, ווען זי איז געזונט געוואָרן, האָט זי אַלץ צוריק אָפּגענומען און דאָס איבערגעבעטן דעם אויבערשטן: „רבונו של עולם, זאָל זיך דיר דוכטן, אַז אַ הונט האָט געבילט" [פון אַ פאָלקס-אַנעקדאָט].




מען „רייסט איין" קברים — מען לויפט אויפן גוטן אָרט בעטן זכות ביי פאַרשטאָרבענע, געלייטערטע נשמות, קרובים, גוטע יידן אדג"ל.

מען לויפט „פעלד-מעסטן"—מען מעסט אויס דאָס ריינע פעלד (בית-הקברות) מיט אַ פאָדעם, וואָס פון אים ווערט שפּעטער געמאַכט אַ קנויט צו אַ ליכט, וועלכעס מ'שטעלט אוועק אין שול אָדער אין בית-המדרש, צי אין אַן אַנדער מקום-קדוש פאַרן עמוד, בעת מ'זאָגט תהילים פאַרן קראַנקן.

מען לויפט אין שול תהילים זאָגן; פאַרן עמוד הענגט מען אויס אַ קוויטל: פלוני בן פלונית 1) לרפואה שלימה בתוך שאר חולי עמו ישראל אמן. תהילים זאָגט מען נישט כסדר-נאָך, על פי רוב זאָגט מען דאָס קאַפּיטל; אשרי תמימי דרך, וועלכעס איז געבויט לויטן אלף-בית און מען זאָגט די פסוקים וואָס הייבן זיך אָן מיט די זעלבע אותיות, וועלכע עס אַנטהאַלט דעם קראַנקנס און זיין מוטערס נאָמען. נאָכן אָפּזאָגן דעם תהילים, מאַכן זיי די קרובים און זייערע גוטע פריינד „מי-שברכ'ס" און זיינען מנדר אויף צדקה.

אויב דער גוסס איז אַ גאָר חשובער מענטש, צעלאָזן די מלמדים זייערע חדרים און גייען מיט די קינדער אין די שולן אָדער בתי-מדרשים תהילים זאָגן.

איז דער גוסס אַ חתן, אָדער אַ כלה, צערייסט מען איבער זיין קאָפּ די תנאים 2).

איז אַ קינד גוסס, פאַרקויפט מען עס 3).

דעם גוסס קען מען אויך טייל מאָל „אָפּרופן" דורך גרויסע געוואַלדן און געשרייען. מען טאָר עס אָבער נישט טון ווייל דער קראַנקער האָט זייער גרויס צער, הערנדיק, ווי שווער עס איז זיינע קרובים זיך מיט אים צו שיידן.

אויב אַ קראַנקער ווערט געזונט דורך „אָפּרופן" איז ער שוין סיי ווי סיי קיין מענטש נישט, ווי אַלע מענטשן; ער דרייט זיך אַרום ווי אַ גולם — אַ גוף אָן נשמה 4).

ווען איינער ווערט געזונט פון אַ שווערער קראַנקייט, זיינען אים אַלע זינד פאַרגעבן געוואָרן און ער איז אזוי ווי ניי-געבוירן.

עס טרעפט אָמאָל, אַז מ'האָט שוין ביי וועמען ליכט צו יציאת-נשמה אָנגעצונדן, און דער קראַנקער ווערט גענעזן און עפענט די אויגן, זאָל מען תיכף אויסלעשן די ליכט, ווייזן דעם קראַנקן אַ פנים שוחקות. די ליכט טאָר מען אָבער נישט פאַרנוצן אין טעגלעכן געברויך; מען מוז זיי באַהאַלטן און פאַרנוצן נאָר ביים קראַנקן אויף שמחות.

1) נאָר דער מוטערס, נישט דעם פאָטערס נאָמען.

2) ווייל טאָמער איז אויף אים נגזר געוואָרן דער טויט דערפאַר, וואָס עס איז קיין זיווג נישט געווען, איז מען עליין מבטל דעם זיווג.

3) און מען קויפט עס צוריק אָט פאַר דער חופה. וואָס טוט מען מיט דעם קויפגעלט?

4) פון דענען די פאַרגלייכענישן: דרייט זיך אַרום ווי אַ דערוופענער.

די גסיסה איז נאָר אַן איבערגאַנג פון לעבן אין טויט. אָבער עס טרעפט אָפּט, אַז דער איבערגאַנג איז זייער אַ שווערער און פאַרשאַפט די אַרומיקע זייער פיל צרות און שוועריגקייטן. דאָס פאָלק דערזוכט זיך אויף זיין שטייגער די סיבות פון אַ „שווערן טויט":

ווייל נישט צו יעדן גוסס קומט דער מלאך־המות אַליין 1); ווייל נישט יעדעס מאָל באַנוצט זיך דער מלאך־המות מיט זיין צוויי שאַרפֿיקער שווערד; ווייל דער מלאך־המות שפּילט זיך מיטן גוסס: ער כאַפּט אים און לאָזט אים אָפּ 2).

אַ שווערער טויט קומט אויך דערפֿאַר, וואָס אין הימל וועגט מען דעם קראַנקנס מעשים, זיינע מצוות און עבירות, און אויב קיינע פון די וואָגשאָלן וועגט נישט איבער, הענגט דער־קראַנקער צווישן לעבן און טויט.

עס טרעפט אויך, אַז אַ „שווערער טויט" נעמט זיך דערפֿון, וואָס דער קראַנקער קען נישט אָפּשטאַרבן, ווייל ער האָט אויף זיך שווערע חטאים; אין דעם פאַל מוז ער זיי „אויסרופֿן" [זע אויבן].

דער פֿאַמיליע, וואָס איר קראַנקער האָט געהאַט אַ שווערן טויט, וועלט געשען אַ טאָפּל אומרעכט: אי עס איז זיי דער קרוב אָפּגעשטאָרבן, אי ער האָט געהאַט אַ טויט, נישט כאחד האדם, ווען נישט די טרייסט, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַר זיי אויסגעפֿונען:

„ווען איינער האָט אַ שווערן טויט, וועט ער שוין נישט ליידן קיין חיבוט־הקבר."

אינטערעסאַנט אָבער איז, וואָס די קרובים לאָזן זיך אין אַזאַ פאַל נישט צופֿרידן שטעלן, מיט דער צוגעזאָגטער טרייסט און זיי טוען פאַרשיידענע סגולות כדי דעם גוסס צו פאַרלייכטערן זיין אָפּשטאַרבן:

דער גוסס קען טײל מאָל נישט אָפּשטאַרבן דערפֿאַר, וואָס עס איז אים שווער זיך צו שיידן מיט זיינע נאָענטסטע, אין דעם פאַל פּירט מען די קרובים און גוטע פֿריינד אַרויס פון שטוב, און דער גוסס שטאַרבט. פאַרקערט ווידער: דער קראַנקער קען פֿריער נישט שטאַרבן, ביז ער האָט זיך מיט זיינע נאָענטסטע נישט געזעגנט — אין דעם פאַל ווענדט מען אָן אַלע מיטלען, כדי די קרובים צו אים צו ברענגען.

אַמאָל קען דער גוסס נישט אָפּשטאַרבן, ווייל ס'איז דאָ אַ חיה אָדער אַן עוף אין שטוב, אַ מאָל איז עס דערפֿאַר וואָס אין שטוב זיינען פאַראַן צו ווייניק מענטשן. אויב דער קראַנקער ליגט אויף אַ שמוציקן לײלעך, קען עס אויך זיין אַ גענוגעדיקע סיבה ער זאָל נישט קענען אָפּשטאַרבן 3)

1) בכבודו ובעצמו קומט דער מלאך־המות, נאָר צו גרויסע צדיקים. דערייבער האָבן צדיקים אַ לייכטן טויט.

2) פון דאַנען די קללה: „דער מלאך־המות זאָל זיך שפּילן מיט דיר" = זאָלסט האָבן אַ שווערן טויט [זע אויבן];

3) אין דעם פאַל ציט מען פון אים אַפֿריער דאָס לײלעך, הגם על פּי דין ש"ך ס' ק; חכמת אדם ס' קנא' יד] טאָר מען עס נישט טון.





ווען דער קראַנקער „אַרבעט מיט דער מיתה" זאָל מען נאָכזוכן, צי עס געפֿינט זיך נישט קיין אומריינע זאַך אין שטוב. דאָס בייזיין פון אַ גוי קען אויך זיין אַ גורם צו אַ שווערן טויט. אַז מען ווייסט הויך ביים קראַנקן קען ער נישט אָפּשטאַרבן. עס איז אַ גרויסע חרפּה פאַר דעם גוסס צו שטאַרבן צווישן גוים 1), און ער ראַנגלט זיך דעריבער מיטן טויט.

עס טרעפט אויך אַ מאָל, אַז אַ פֿרוי קען פֿריער נישט שטאַרבן, ביז דער־מאַן זאָגט זיך נישט אָפּ, לטובת איר פון איריע מצוות 2).

כדי צו דערמעגלעכן דעם גוסס, אַז ער זאָל לייכטער אָפּשטאַרבן, פאַר־בינדט מען אים די באַקן 3): מען נעמט פון אים אַוועק דאָס קישן 4). מען לייגט אים אויף דער ערד 5). מען לייגט אים צוקאָפּנס דעם שליסל פון דער־שול 6). בכל האופן זעט מען מיט אַלע תחבולות דעם גוסס צו דערלייכטער־זיין טויט, כאָטש איבער אַט דער פאַרלייכטערונג וועט ער שפּעטער מוזן ליידן חיבוט־הקבר.

על פּי דין 7). טאָר מען אָבער דעם גוסס נישט אָנרירן און ממילא טאָר מען אים דירעקט נישט טאָן קיין שום סגולות. וואָס זאָלן אים פאַרלייכ־טערן דעם טויט (נישט איבערלייגן אים למשל אויף דער ערד, אַ טויערעמען זיין קישן אַדג"ל). אָקעגן מעג מען אָבער דערווייטערן די זאַכן, וואָס זיינען גורם, אַז ער זאָל נישט קענען אָפּשטאַרבן, ווי איינשטילן למשל אַ געקלאַפּעריי, דערווייטערן וויינענדיקע קרובים אדג"ל 8).

## II חברה קדישא

### ד.

צוזאַמען מיטן איבערגאַנג פון לעבן אין טויט, גייט אויך דער מענטש איבער פונעם רשות פון זיינע אייגענע אין רשות פון מענטשן, וועלד־פֿרעמדע וועלכע טוען זיך מיט אים מתעסק זיין און גיבן איבער זיין גוף צו דער ערד פון וואַנען ער איז געקומען.

דער איבערגאַנגס־מאָמענט פון לעבן און טויט און פון רשות צו רשות ווערט דעריקענט:

1) דערפון די קללה: דיין נשמה זאָל דיר אויסגיין צווישן גוים,

2) די מצוות, ווי בכלל אלץ, וואָס די פֿרוי פאַרמאָגט, געהערן צום מאַן, ווי אַ קאָמפּעג־כאציע, זאָגט מען איר שפּעטער אָפּ די חברותה.

3) חכמת אדם, ווי אויבן.

4) דאָרט

5) דאָרט

6) דאָרט

7) דאָרט

8) דאָרט; קצור שלחן ערוך ס' קצד, א'

דורכן צושטעלן דעם גוסס אַ ליכט צו די אויגן. רעאַגירט ער נישט אויף דער שיין, איז עס אַ סימן, אַז ער איז שוין טויט. מען לאָזט אים צו דער אָדער און אויב עס פליסט נישט דאָס בלוט, גאָר עס רינט הייסט עס, אַז דער חולה איז שוין אַ בר-מינן. מען דריקט אונטער די אויערן, שטעכט אים אונטער די נעגל, און רעאַגירט נישט דער קראַנקער אויף די יסורים, איז אַ סימן, אַז ער איז שוין טויט. מען לייגט אים אַ פעדער צו דער נאָז און אויב באַוועגט זיך נישט די פעדער, איז עס אַ סימן, אַז דער חולה אָטעמט נישט מער. מען לייגט אים אַ שפּיגעלע צום מויל און אויב בלייבט עס ריין, נישט פאַרלאָפן מיט הויך, איז עס אַ סימן, אַז דער חולה האָט אויפגעהערט צו אָטעמען.

אַז דער גוסס שטעקט אַרויס אַ האַנט אָדער אַ פוס פון בעט טאָר מען דעם אבר נישט צוריק אַריין לייגן. דעריבער דאַרף מען צוּשטעלן דאָס בעט מיט שטילן, כדי דער גוסס זאָל נישט קענען אַרויסשטעקן קיין אבר פון בעט אַרויס 1).

נאָך דעם, ווי די אָרומיקע האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער גוסס איז אָפּגעשטאָרבן, עפנט מען תיכף אויף די פענצטער 2).

באַלד ווי דער גוסס איז אָפּגעשטאָרבן גיסט מען אויס דאָס וואַסער ביי אַלע שכנים אין די נאָענטסטע דריי הייזער, ווי דער מת געפינט זיך 3), ווייל דער מלאך-המות לאָזט אַריין אין דעם וואַסער אַ טראָפּן פון טויט-סם 4).

תיכף נאָך יציאת-נשמה, פאַרמאַכט מען דעם בר-מינן די אויגן. עס איז בעסער, אַז דאָס זאָל טאָן דעם בר-מיננס עלטסטער זון 5).

נאָכדעם ווי דער גוף גייט איבער אין רשות פון וועלט-פרעמדע—פון דער חברה-קדישא און די קרובים זיינען שוין טיילווייז באַרויקט פון דער אָקאָרשט וואָס אַדורכגעגאַנגענער איבערלעבונג, אינטערעסירט זיי אין דער ערשטער ריי, אויף וואָסערע אופן דער גוסס איז אַוועק פון דער וועלט: צי איז ער אַוועק גערן, צי ס'איז אים נישט קיין שאָד געווען צו פאַרלאָזן די וועלט, צי איז ער נישט אַ מאָל אַוועק אין כעס אויף די אָרומיקע אדג"ל.

1) חכמת אדם ס׳ קנ"ז, ט.; קצור שלחן ערוך ס׳ קצ"ד ג׳.

2) יורה דעה של"ט; קש"ע, דאָרט ה׳. מיין טרוי מאַכט מיך אויפמערקזאַם, אַז אין דער שטוב, וווּ עס ליגט אַ מת טאָר מען קיין פענצטער נישט עפענען, ווייל די לופט איז גורם, אַז דער מת זאָל געשוואָלן ווערן. עס קען זיין, אַז דאָס איז שייך דער שפּעטערדיקער סמאַדיע, נישט באַלד נאָך יציאת נשמה, אָדער אין פאַל, ווען דער מת ליגט אַ לענגערע צייט אומבאַגראָבן.

3) יורה דעה, דאָרט; חכמת אדם, דאָרט י"ז; קש"ע, דאָרט ט.

4) וואַריאַנט: ווייל דער מלאך-המות שווענקט אָפּ אין דעם וואַסער זיין שווערד פון בלוט. דער חכמת אדם [דאָרט] טייטשט אויס דעם מינהג דערמיט, כדי צוּ ווייזן גראָם גערן צו וויסן, אַז אין שכנות געפינט זיך אַ מת, און מען זאָל די ידיעה נישט דאַרפן איבערגעבן בדבור.

5) יורה דעה שנ"ב; חכמת אדם, דאָרט ט.





איבער דעם גלויבן, אַז אויב איינער שטאַרבט בייזערהייט קומט ער נאָכן טויט „סטראַשען" די אָרומיקע און אַמאָל אויך טאַקע מזיק זיין, זיינען די דערמאָנטע פראַגן זייער וויכטיק פאַר די צוריקגעבליבענע און זיי מוזן האָבן אויף זיי אַ קלאָרע תשובה. אויך אין דעם פאַל האָט דאָס פאָלק זיינע סימנים.

ווען עס רינען טרערן פון די אויגן פון אַ מת, איז אַ סימן, אַז ער איז נישט גערן אָפּגעשטאָרבן און ס'איז אים אַ שאָד געווען צו פאַרלאָזן די וועלט. אַקעגן ווען דער בר-מינן האָט אַ צעשמייכלט פנים, איז אַ סימן, אַז ער טראָגט נישט נאָך קיין פאַרדראָס אויף די צוריקגעבליבענע 1).

אַ יונגער מענטש שטאַרבט על פּי רוב, מיט אָפענע אויגן, ווייל ס'איז אים אַ שאָד געווען צו פאַרלאָזן די וועלט. אַ מזל-טוב לאָזט נאָך זיך קיין אימה נישט איבער. אויך אַן עלטערער מענטש לאָזט נאָך זיך נישט איבער קיין פּחד.

שטאַרק געוואָרנט זאָל זיין אַ פרוי, אויב ס'איז איר במשך פון דער שוואַנגערשאַפט אָפּגעשטאָרבן אַ נאָענטער קרוב, ווייל דער קרוב האָט געמוזט איבער איר שטאַרבן, כדי דאָס ניי געבוירענע קינד זאָל האָבן אַ נאָמען 2).

דערפאַר, וואָס עס ציט דעם טויטן צו דער ערד, פון וועלכן ער קומט אַרויס, מוז מען אים תיכף נאָך יציאת-נשמה „אָפּהייבן".

אָפּהייבן מעגן נאָר „חברה-לייט". מאַנסמערשוינען ווערן אָפּגעהויבן פון מענער, ווייבער — פון פרויען.

אונטער דעם מת לייגט מען זיבן שטרויען 3), נישט אין דער לענג נאָר אין דער ברייט פון מת. דער מת ווערט געלייגט מיט די פיס צו דער טיר. די גראָבע פינגער פון די פיס ווערן צונויפגעבונדן מיט אַ שטרוי. דער אָפּגעהויבענער בר-מינן ווערט פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך 4). אַרום דעם מת און צוקאָפּנס שטעלט מען לייכטערס מיט ליכט, וואָס מער ליכט, אַלץ מער כבוד איז פאַר דעם מת.

צוקאָפּנס פון מת זעצן זיך אַוועק זיינע נאָענטסטע קרובים און באַוויינען אים.

בעת דער מת ליגט אויף דער ערד, טאָר מען אים נישט אויפדעקן בכדי אים אָנצוקוקן, ווייל עס איז פאַר אים אַ בזיון.

עס איז אויך אַ גרויסער בזיון פאַרן מת צו עסן אין דעם צימער, ווו ער ליגט, צי אפילו אין אַנדערע צימערן פון דער זעלביקער וווינונג, אין וועלכער ער איז אָפּגעשטאָרבן 5).

1) פון תלמוד: פנים שוחקות, סימן יפה למת.

2) דער מת איז בכן אויף איר אין כעס.

3) זע המטעמים ז׳ 14.

4) אין יענע קהילות, ווו ס'איז נישטאָ קיין ספּעציעל טוך, בעדעקט מען אים מיט אַ שוואַרצן בגד. על פּי רוב מיט דער שבתדיקער צעלעסענער, אָדער יידענער יופּעצע [קאָנסטאַנטין, לוטאָם ירסק].

5) קצור שלחן ערוך, דאָרט י"א; קצ"ו, א׳.

אַזוי באַלד ווי דער מת ווערט „אָפּגעהויבן“ נעמט מען פון אים מיט אַ פּאָדעם די מאָס פאַרן „ארון“ און חברה קדישא צעטיילט צווישן זיך די פונקציעס: עטלעכע נייען די „בגדים“ טייל באַשעפטיקן זיך מיטן ארון, אַנדערע מיט דער „קרקע“ מיט דער „טהרה“, מיטן באַזאָרגן די „מטה“, מיטן באַגלייטן, טראָגן, מאַכן „הקפות“, קובר זיין, דעם קבר פאַרשיטן אאז״וו.

מען איז שטאַרק מדקדק, אַז די „תכריכים“ זאָלן זיין פון נייע, נישט גענוצטע לייוונט 1).

נייען די בגדים מעגן סיי מענער, סיי ווייבער. די ווייבער טאָרן אָבער נישט זיין אומריין.

ביים צושניידן די בגדים, טאָר נישט באַנוצט ווערן קיין שער, די לייוונט ווערט געריסן איבערן קאָפּ פון מת.

דער פאָדעם טאָר נישט איבערגעריסן, אָדער איבערגעביסן ווערן; ער ווערט איבערגעברענט פון אַ ליכט, וואָס שטייט נעבן בר-מינן.

די נאָדל ווערט איינגעפעדעמט מיטן אויער צראָפּ.

ווען אַ טייל פון די בגדים ווערט פאַרטיק, ווערט ער צונויפגעוויקלט 2), און אַרויפגעלייגט אויפן מת, דערביי זאָגט מען: „פאַר אייער כבוד וועגן“ 3), די תכריכים ווערן גענייט אָן קניפּן אין דעם פאָדעם 4) און עס ווערט אין זיי געמאַכט גרויסע שטעך 5).

אַ באַווייבטער ווערט באַגראָבן אין אַ טלית. פון דעם טלית ווערן אַראָפּגענומען די ציצית 6), אַ בחור ווערט באַגראָבן אין טלית-קטן 7).

בעת ביים מת אין שטוב נייט מען די „תכריכים“ טוט אַ טייל פון דער חברה-קדישא זיך מתעסק זיין מיטן ארון: מען קויפט איין די „קרשים“ און זיי ווערן געבראַכט אין פּאָליש פון דער ווייבערישער שול ווו עס שטייט אויך דאָס טהרה-ברעט. לויט דער מאָס — וואָס מ׳האָט גענומען פון מת ווערן מיט אַ זעג צוגעשניטן די זייט ברעטער, זיי ווערן דערנאָך צוזאַמענגעשטעלט און עס ווערט אין זיי אַן ערך אַ האלבן מעטער אָפּגערוקט פון קאָפּ, איינגעזעגט אַ

1) חוץ אין אויסנאַמספעלן, ווען דער בר-מינן איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, ווערט אויך אַבנוצט צו די תכריכים אַ גענוצטע ליילעך, אָדער אַן איבערצי, בכל אופן נישט קיין קאָליריטע, אָדער געמוסטערטע.

2) נישט גלייכגעלייגט.

3) לאָדוש.

4) חכמת אדם קנ״ז, ח׳

5) אַ״ג „מתים-שטעך“, אָדער „סובות-שטעך“.

6) ווייל טויטע זיינען פּטור פון מצוות. אין טייל מקומות נעמט מען נישט אראָפּ די ציצית נאָר מען פסלט איינע פון זיי [זע חכמת ארם׳ דאָרט, א׳].

7) פון דענען דאָס ווערטל וועגן אַן אַלטן בחור: „ער וועט זיך שטעלן פאַר גאָט אין טלית-קטן“ = ער וועט שטאַרבן בחורהייט.





גופא אויף אריינצושטעלן די „חגורה“ 1). די פוגע ווערט געמאַכט אויף ... אופן: די ברעטער ווערן איינגעזעגט אויף צוויי ערטער לויט דער ברייט ... דער חגורה און דאָס שטיקל האָלץ פון צווישן די איינגעזעגטע ערטער ווערט ... אַרויסגעקלאַפּט מיט דער חגורה. אין די זייטן ברעטער ווערן אויך אויסגעזעגט ... פוגעס אויף אריינצושטעלן דאָס קאָפּ- און פיס-ברעט. אין די לעצטע ווערן ... אויך אויסגעזעגט געהעריקע פוגעס, כדי זיי זאָלן זיך צוזאַמענהאַלטן.

די ברעטער פאַרן ארון מוזן זיין רויע, נישט קיין געהובלטע.

קיין אַנדער כלי, ביים מאַכן דעם ארון, אויסער דער זעג, ווערט נישט באַנוצט.

דער ארון טיילט זיך אין אַזעלכע טיילן: זייטנברעטער, אָדער „צדדים“, קאָפּשטיק, אָדער „ראש“, מיטל-לייסט, אָדער „חגורה“, פוסברעט, אָדער „רגלים“ און צודעק, אָדער „מכסה“, אַ כהן און אַ בכור באַקומען אויך אַ רוקן-ברעט אָדער „גלגולת“ 2).

נאָכדעם ווי דער ארון ווערט פאַרטיק וויקלט מען אַרום די מאָס, וואָס מ׳האָט גענומען פון דעם מת אַרום דער חגורה. דער ארון ווערט פראָוויזאָריש אויפגעשטעלט, און ווען די מתעסקים איבערצייגן זיך, אַז עס איז „ריכטיק“ ... ווערט ער איינגעוואָרפן מיט די פיס און די מתעסקים טרונקן בראָנפן, ... ווינטשעוודיק זיך דערביי, אַז עס זאָל זיין „בלע המות לנצח“ 4).

איינער אָדער צוויי פון די מתעסקים באַזאָרגן דעם ארון אויפן ... עלמין, ווו ס׳ווערט דערווייל געגראָבן די „קרקע“ אונטער דער השגחה ... אַנדערע חברה-לייט. דער ארון ווערט אַנידער-געלייגט נעבן דעם פריש-אויס... געגראָבענעם קבר און עס ווערט באַזאָרגט די „מטה“ אין שטאָט אַריין, ... דער וווינונג פונעם מת.

די קרקע באַשטימט דער גבאי פון דער חברה-קדישא, לויט דעם ... די יורשים פונעם מת האָבן פאַר איר באַצאָלט.

פאַר „שענערע“ קרקעות רעכענען זיך אַזעלכע, וועלכע געפינען ... בשכנות פון אַנשים חשובים. אַ קרקע קען מען זיך אויך קויפן ביים לעבן. די קרקע ווערט געגראָבן דורכן שומר פון בית-הקברות (אין קאָנסטאַנטין). די קרקע ווערט געגראָבן אַזוי טיף, ביז מען זעט פון איר נישט מער ... די לאָפּעטע, מיט וועלכער מען גראָבט זי.

ווען מען גראָבט אַ קרקע און גראָבנדיק געפינט מען אַ ביין, אַ שטיקל האָלץ פון אַן ארון, אָדער בכלל וועלכן ס׳איז אַנדערן סימן, אַז אויף ...

1) „חגורה“ — די לייסט, וועלכע ליגט איבער די זייטנברעטער און האַלט זיי צוזאַמען.

2) חכמת אדם, קנ״ח׳ א.

3) ביים עסקנען זיך מיטן מת ווערט באַנוצט אַנשטאָט די טערמינען: ס׳איז גוט, אין אָרדענונג, אָדער ס׳פּאַסט — דער טערמין „ס׳איז ריכטיק“ [זע ווייטער דערקלערונג].

4) מינהגים און טערמינאָלאָגיע פאַרנאָטירט אין קאָנסטאַנטין.

אָרט האָט מען שוין אַ מאָל געהאַט קובר געווען עמעצן, מוז מען דעם קבר צוריק פֿאַרשיטן און אויסגראָבן אַ נײַעם 1).

אַ קבר מוז געגראָבן ווערן נאָר פֿאַר דעם אָנגעגעבענעם מת. אָנגרייטן קברים טאָר מען נישט.

אויב מען גראָבט אַ קבר און מען באַווייזט נישט, איבער געוויסע סיבות דעם מת אין אים קובר צו זײַן אין זעלביקן טאָג וואָס דער קבר איז געגראָבן געוואָרן, מוז מען אים אָדער צוריק פֿאַרשיטן, אָדער אין אים איבערנעכטיקן — דער קבר טאָר נישט בלײַבן ליידיק איבער נאַכט 2).

ווען מען גרינדעט אין אַ שטאָט אַ נײַעם בית-עלמין, טאָר מען דעם ערשטן מת וואָס מ׳באַגראָבט אויף אים נישט לאָזן אַליין 3).

דורך דער צײַט, וואָס עס ווערט געשניטן דער ארון, און געגראָבן דער ... ווערן בײַם מת אין שטוב אויסגעפּאַרטיקט די „בגדים" און מען איז זיך מכין ...) צו דער „טהרה".

איידער מען נעמט אַרויף דעם מת אויפֿן „טהרה-ברעט", וואָט ווערט אויסגעלייגט בזה האופן, אַז דער קאָפּ זאָל זײַן העכער פֿון די פֿיס. ווערן צונויפֿגענומען די איבערגעבליבענע שטיקלעך לײַוונט פֿון די תכריכים, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך פֿאַרשיידענע סגולות:

בגדים פֿון אַ טויטן, אָדער אַ טייל פֿון זיי העלפֿן קייגן מיליטערדינסט 5)

מיט די געבליבענע שטיקלעך פֿון תכריכים איז גוט אויסצווישן קראַנקע אויגן. שטיקלעך פֿון תכריכים, באַשמירטע מיט וואַקס, זײַנען אויך אַ רפֿואה צו קראַנקע אויערן 6). דאָס איבערבלײַבעכץ פֿון תכריכים ברענגט בכלל מזל דער שטוב, אין וועלכער זיי געפֿינען זיך.

איידער מען איז דעם מת מטהר, בעטן זײַנע נאָענטע און באַקאַנטע בײַ אים

1) דערפֿאַר ווערט דער קבר געגראָבן אונטער דער השגחה פֿון חברה-לײַט.

2) ... ר פֿלייצן ליידיק. וועלן זיך אין אים אַרײַנציִען שדים [זע ח"א, קנ"א, יד.

3) ... מ׳האָט דאָרט געגרינדעט אַ נײַעם בית-עלמין. האָט די אָרטיקע קהילה אַזוי לאַנג ... אַ שומר, וועלכער האָט געהיט דעם ערשטן אויף אים באַגראָבענעם מת ביז זי האָט נישט „אָפּגעקויפֿט" קיין מת פֿון דער טאָמאַשאָווער קהילה און אים באַגראָבן אויפֿן סקאַלישקער בית-עלמין (מיטגעטיילט פֿון שלום ראָזענצווייג).

אויך אין פּשיסכע, האָט מען דעם ערשטן מת אויפֿן פֿרישן בית-עולם געהיט אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז נישט צוגעקומען קיין צווייטער. דער געדונגענער שומר, וועלכן מ׳האָט אַגב דערפֿאַר גערופֿן דער „טויטער" שלמה, האָט זיך אײַנגעבויט אויפֿן בית-עולם אויסגעגראָבן אַ גרוב און אין איר געוווינט [דערציילט פֿונעם זעלביקן].

זע אויך דניאל טשאַרני: „די וועלפֿישע רביצין" געדרוקט אין צוקונפֿט, ניו-יאָרק, 1929, ז׳ 342.

4) בײַ גאָר חשובע מתים, זײַנען זיך די מתעסקים צום ערשט טובל.

5) עטנאָגראַפֿישער אַרכיוו פֿון ייוואָ, נומ׳ 35,224.

6) הענריק ביִעגעלאַייזען, Lecznictwo ludu polskiego, קראָקע 1929, ז׳ 157.





מחילה. זיי בעטן בײַ אים אויך פֿאַרשיידענע טובות, ווײַל יענער מאָמענט איז דער „עת רצון" בײַם מת און ער איז מסוגל צו טון אַלערליי טובות און ... צופֿירן פֿאַרשיידענע שליחותן אויף יענער וועלט.

הגם, על פּי דין, איז נישט בלויז דער מת, נאָר אויך זײַנע תכריכים אסור בהנאה 1), רעכנט זיך דאָס פֿאָלק משמעות ווייניק מיט דעם דין, אויסגייענדיק פֿון דער הנחה, אַז „אַ מנהג ברעכט אַ דין" 2). און נישט בלויז, וואָס מען באַנוצט זיך — ווי דערמאָנט מיט תכריכים און ווײַטערע ... פֿאַרשיידענע סגולות—נאָר אויך דער מת אַליין און זײַנע איברים ווערן ... ווײַט מעגלעך אויסגענוצט לטובת די לעבן געבליבענע.

routinely violated this prohibition

פֿאַר דער טהרה האָבן די איברים פֿונעם מת אין זיך די אייגנשאַפֿטן „אָפּצוהיילן" פֿאַרשיידענע קראַנקייטן:

מיט דער האַנט פֿון אַ טויטן רײַבט מען איין וואָליעס 3). מיט אַ האַנט פֿון אַ טויטן „שפּרעכט" מען אָפּ דעם פֿלעק פֿון דעם קינדס קאָפּ 4). ווען אַ מיידל האָט קאַלטענעס, „שפּרעכט" מען זיי אָפּ דערמיט, וואָס מען פֿירט ... דער טויטער האַנט איבער אירע האָר (פּלאָצק 5).

מיט דער האַנט פֿון אַ טויטן קען מען אויך אָפּשפּרעכן אַ רויז, ווערצלען און בייזע אויגן.

ווען עס איז אַ שׂרפֿה אין שטאָט און ס׳איז פֿאַראַן גראָד אַ מת, אַן ... יידענע, זאָל מען זי לייגן מיטן פּנים צראָפּ, און דאָס פֿײַער וועט פֿאַרלאָשן ווערן (שידלאָווצע).

ווען עס איז פֿאַראַן אַ מת אין שטאָט, קלאַפּט מען אין שול אַרײַן ... מיט צוויי, און נישט מיט דריי קלעפּ ווי תמיד 6) (פּלאָצק).

אַזוי ווי דער מת איז „אומגעדולדיק" און „עס ציט אים אין קבר אַרײַן", לאָזט די חברה-קדישא נישט מאריך זײַן מיטן מחילה-בעטן און מיט די ...

1) יורה דעה סי׳ שנ״א; חכמת אדם קנ״ז, ג.

2) פֿאָלקס-וואָרט: „אַ מינהג ברעכט אַ דין און אַ שטעקן ברעכט די ביינער". דרך אגב ... אפשר כדאי אָנצווײַזן, אַז דער ערשטער טייל פֿון דער אַקסיאָמע „אַ מינהג ברעכט אַ דין" געפֿינט זײַן טיפֿערן מקור אין דער תקנה פֿון ר׳ הושעיה רבה: „המינהג מבטל הלכה" (ירושלמי בבא מציעא, פּרק ז הלכה א׳) און מחמת וויכטיקייט און דעם נוץ, וואָס די תקנה האָט בשעתו געבראַכט (זע א. ה. ווייס: דור דור ודורשיו, ווילנע תרע״א, חלק שלישי ז׳ 51) האָט זי זיך אַזוי אײַנגעבירגערט אַז עס איז פֿון איר געוואָרן אַ פֿאָלקס-אַקסיאָמע, צו וועלכער עס איז מיט דער צײַט צוגעקומען דער צווייטער טייל: „און אַ שטעקן ברעכט די ביינער".

3) א. מ. דיק: געקליבענע ווערק ב׳ I ז׳ 27.

4) עטנאָגראַפֿישער אַרכיוו פֿון ייוואָ, נומ׳ 39,894.

5) העסערן שפּראַך זאָגט מען דערבײַ; זע ה. ביגעלײַזען. דאָרט ז׳ 67.

6) זע המטעמים ז׳ 14.

דערע צערעמאָניעס, און ארויסגאַנדיק אַלע פון שטוב, נעמען זיי זיך צו דער „טהרה".

די טהרה באַשטייט אין וואַשן און אָנטאָן דעם מת. בעתן וואַשן דעם מת טאָר קיינער, אויסער דער חברה־קדישא נישט בלייבן אין שטוב 1).

בעת מען איז מטהר דעם מת אין איין צימער, לערנט מען אין צווייטן צימער משניות פאַר דער נשמה פון בר־מינן, לערנען לערנט מען די פּרקים, וועלכע הייבן זיך אָן מיט די זעלביקע אותיות, פון וועלכע עס באַשטייט דעם בר מינג'ס נאָמען. די אבלים טאָרן נישט לערנען.

purified = מטהר for burial

בעת דער טהרה ווערן די איברים פון מת אָנגערופן אויף לשון־קודש: ראש, יד רגל וכד' 2).

בעת דער טהרה באַנוצט מען נישט די טערמינען: „ס'איז גוט", „אין אָרדנונג" אדג"ל — עס ווערט באַנוצט די באַצייכענונג: „ס'איז רעכט" 3).

די וואָס זיינען מטהר דעם מת, מוזן זיך צום ערשט אָפּוואַשן די הענט מיט וואַסער און זאַלץ 4).

מטהר זיין דעם מת טוט מען מיט אויפגעוואַרעמט וואַסער, מיט וועלכן מ'וואַשט אים אָפּ דעם גאַנצן גוף, די הענט און די פיס, נאָך דעם ווי מ'האָט פון זיי אָפּגעשניטן די נעגל. די האָר פון קאָפּ און באָרד ווערן גלייכגעקעמט 5). די האָר פון קאָפּ וואַשט מען מיט אייער אויסגעמישט מיט וויין אָדער וואַסער 6). כדי דעם בר־מינן אויך אינעווייניק אויסצוריי‌ניקן ווערט אים געגאָסן אין מויל אריין ביער געמישט מיט אייער (שידלאָוועצ).

ביים אָפּוואַשן יעדן קערפּערטייל ווערן געזאָגט געהעריקע פּסוקים 7).

דאָס וואַסער מיט וועלכן מ'האָט געוואַשן אַ טויטן, איז אַ סגולה פאַר שווערע געווינערינס, בפרט אַז די געווינערין איז אַ קרובה פון דעם מת, וועמעס וואַסער זי באַנוצט.

דעם טאָפּ מיט וועלכן מ'האָט דעם טויטן אָפּגעגאָסן (ער מוז זיין – אַן ערדענער), צעהאַקט מען, בעת מען טראָגט אַרויס דעם מת פון שטוב. די שאַרבנס לייגט מען אים אויפן מויל און אויגן.

1) אין שידלאָוועצ טייטשט מען עס אויס דערמיט, וואָס בעת דער טהרה עסן די חברה־לייט גענוזענע מעליקעס און זיי האָבן מיינט, אַז מ'זאָל זיי קוקן אין מויל אריין.

2) אפשר כדי אונטערצושטרייכן די נישט־וואָכעדיקייט פון דעם עינין.

3) אין קאָנסטאַנטין ווערט דער טערמין באַנוצט כסדר ביי אַלע טעטיקייטן ארום דעם מת און דאָס אפשר כדי אונטערצושטרייכן דעם „צדוק־הדין": נישט עס איז גוט, אַז עס שטאַרבט ווער נישט עס איז אין אָרדנונג אדג"ל, נאָר עס איז „רעכט" = גערעכט=גאָט אין זיין משפּט איז גערעכט.

4) חכמת אדם קנ"ז, ח'.

5) אין טייל מקומות שערט מען אפילו אָפּ די האָר פון קאָפּ.

6) חכמת אדם, דאָרט.

7) זע מעבר יבוק



ביים מטהר זיין דעם מת, דאַרף מען אַכטיק געבן, אַז די פינגער פון די הענט זאָלן זיין אויסגעגלייכט, נישט איינגעבויגן. דעריבער, אין יעדע מקומות, ווו מ'איז זיך נוהג מיטצוגעבן דעם מת „געמערלעך", טאָר מען זיי אים נישט געבן אין דער האַנט אריין, נאָר מען לייגט זיי נעבן אים אין קבר אָדער מען שטעקט זיי אים אריין אין גאַרטל, אָדער צווישן די אויסגעגלייכטע פינגער.

נאָך דער טהרה טאָר מען דעם מת נישט לייגן אויף דעם זעלביקן אָרט, ווו מ'האָט אים מטהר געווען 1). דאָס טהרה־ברעט טאָר מען נישט איבערדרייען 2). אין די „בגדים" טאָרן נישט זיין קיין קניפּן. ארום דעם טויטן טאָר מען נישט פאַרבינדן מיט אַ קניפּ, נישט דעם גאַרטל פון די „מכנסים", נישט דעם אויבערשטן גאַרטל; זיי מוזן ווערן פאַרשלייפט 3).

נאָך דעם ווי מ'האָט דעם מת אָנגעטון די בגדים, לייגט מען אים ארויף אויף דער „מיטה" און מ'טראָגט אים אַרויס פון שטוב. בעתן אַרויסטראָגן דעם מת, דאַרף מען געוואָרנט זיין, אַז מען זאָל נישט גיין פאָראויס, פאַר דער „מיטה"; צום ערשט גייען די מתעסקים און נאָך זיי — די מלווים 4).

די שטוב, פון וועלכער מ'טראָגט ארויס דעם מת, טאָר נישט בלייבן אַליין; עס ווערן דאָרט איבערגעלאָזט „שומרים". על פּי רוב, ברענגען די שומרים, בעת דער לוויה, די שטוב צוריק אין אָרדענונג, כדי, ווען די אבלים וועלן צוריקקומען פון דער לוויה, זאָלן זיי נישט אַזוי שטאַרק „אָנזעען" דעם צער; די אָרדענונג־מאַכער דאַרפן אָבער געדענקען, אַז „נאָך אַ טויטן טאָר מען נישט נאָך קערן"; דאָס מיסט פון שטוב ווערט בכן נישט געקערט פון אריבער צו דער טיר, נאָר פאַרקערט: פון דער טיר—אַרויף.

דער מת ווערט באַדעקט מיט אַ שוואַרצן בגד. צו דער מיטה ווערט ער צו געבונדן 5). מיט אַ גאַרטל, צוקאָפּנס לייגט מען אים אונטער אַ קישן.

נאָך דער מיטה גייען נאָך די דירעקטע אבלים, אָבער נישט קיין ווייבער; די מלווים—מאַנסטערשוינען גייען אין מיטן וועג, די ווייבער — אויפן טראָטואַר.

בעת עס גייט דער לוויה־צוג איז געפערלעך צו גיין צוזאַמען מיט די ווייבער 6). ווייל צווישן זיי טאַנצט דער מלאך־המות. עס איז אויך געפערלעך צו גיין פאָראויס, פאַר דער מיטה.

1) חכמת אדם, דאָרט.

2) דאָרט; קיצור שלחן ערוך קצ"ז, י'.

3) חכמת אדם, דאָרט.

4) קיצור שלחן ערוך, דאָרט ח'.

5) נישט מיט אַ קניפּ, נאָר מיט אַ שלייף.

6) בפרט ביים צוריקגיין פון דער לוויה (זהר ס' ויקהל.)

די מיטה ווערט געטראָגן אויך פון נישט חברה-לייט. בכלל רעכנט עס זיך פאַר אַ גרויסער מצווה צו העלפן טראָגן דעם מת, און די טרעגער ווערן דעריבער אָפט אָפּגעביטן.

בעתן גאַנג פון לוויה-צוג, קלאַפּט דער גבאי פון דער חברה מיט אַ פּושקע און רופט: „צדקה תציל ממות". דאָס זעלבע טוט אויך אַ גבאיטע צווישן די ווייבער.

אויב מען זאָל קוקן דורכן אויער פון אַ נאָדל אויף דער מיטה, בעת מען טראָגט דעם מת, וועט מען זען ווי עס רייט אויף איר דער מלאך-המות מיט דער בלאַנקער שווערד אין האַנט. מען טאָר עס אָבער נישט טון, ווייל מ'וועט דאָס יאָר נישט אויסלעבן.

דער מת ווערט געטראָגן מיט די פיס פאָראויס.

דעם גאַנצן וועג ביז צום בית-עלמין, זעט מען וואָס גיכער אַ דורכצומאַכן, ווייל „עס ציט דעם מת אין קבר אַריין".

פאַרן בית-עלמין נעמט מען אַראָפּ די מיטה פון די פּלייצעס און מען טראָגט זי אויף די הענט, נישט דירעקט דורכן טויער אויפן בית-עלמין, נאָר מען נעמט דעם מת אַריין אין מתים-שטיבל, וו די מיטה מיטן מת ווערט אַוועקגעשטעלט, און מען בעט אים נאָך אַמאָל מחילה.

נאָכן מחילה-בעטן, נעמט מען אַרויס די מיטה מיטן מת דאָס מאָל שוין מיטן קאָפּ פאָראויס און מען מאַכט מיט אים הקפות זאָגנדיק דערביי „ויהי נועם" און „יושב בסתר" 1).

הקפות ווערן געמאַכט דעם גאַנצן וועג אויפן בית-עלמין, ביז דער מת ווערט צוגעטראָגן צום קבר. מיט אַן אדם חשוב מאַכט מען אויך הקפות אין שול, אַרום באַלעמער.

פאַר דעם קבר ווערט דער מת אונטערגעהויבן און מען נעמט פון אונטער אים אַוועק די מיטה, וועלכע ווערט איבערגעדרייט דריי מאָל אין דער ריכטונג נישט צו, נאָר פון זיך. דער מת ווערט אַוועקגעלייגט אויף אַ ברעט פון זיין ארון אויפן זאַמד פונעם אויסגעגראָבענעם קבר, וו ער ליגט ביז עס ווערט נישט אויפגעשטעלט דער ארון אין קבר.

איידער מען שטעלט דעם ארון אין קבר אַריין, ווערט יעדער ברעט פון אים דריי מאָל איבערגעדרייט. אַז דער ארון איז שוין אויפגעשטעלט, ווערט דער קבר באַשאָטן מיט ארץ-ישראל-ערד, און דער מתעסק טיילט אָן אַ טאָרבעלע מיט זאַמד פונעם אויפגעגראָבענעם קבר. דאָס טאָרבעלע ווערט אָנגעפילט מיט דער האַנט, און נישט מיט דער האַנטפלאַך, נאָר מיט דער האַנט איבערגעקערט

1) דעם טעם פון די הקפות, ווי מען האָט מיר געפרוווט צו דערקלערן איז, כדי דעם טויטן דעם קאָפּ צו פאַרדרייען, אַז ער זאָל נישט קענען טרעפן דעם וועג אויף צוריק און באַאומרויקן זיינע קרובים.

הקפות



אויך אין דעם טאָרבעלע ווערט אַריינגעשיט ארץ-ישראל-ערד, און עס ווערט פאַרבונדן און געלייגט דעם מת צוקאָפּנס.

אין דעם ארון, אונטער דעם מת, ווערט אונטערגעלייגט זיין טלית און דער מת ווערט מיט גאַרטלען, אָדער שטריק אַראָפּגעלאָזט אין קבר אַריין. בעת דער גאַנצער פּראָצעדור פון אויפשטעלן דעם ארון, באַשיטן דעם קבר מיט ארץ-ישראל-ערד, אויסשפּרייטן דעם טלית און אַרויפלאָזן דעם מת, געפינט זיך דער מתעסק אינעם קבר.

נאָכדעם, ווי דער מת ווערט אַראָפּגעלאָזט אין קבר אַריין, שטעלט זיך דער מתעסק מיט ביידע פיס אויף די צוויי זייטנברעטער פון ארון, אַזוי, אַז דער מת קומט אויס אונטער אים; ער פאַרריכט אים די תכריכים, וויקלט אַרום אים דעם טלית, הילט אים אויף דאָס פּנים און פאַרלייגט אים אויגן און מויל מיט שאַרבנס. 1).

בעת דער מתעסק דעקט אויף דעם טויטן זיין פּנים, טאָר מען זיך אינאַם טויטן נישט איינקוקן, ווייל עס איז „קשה לשכחה". פאַרקערט אין שידלאָוויעץ: אויב מען קוקט זיך איין אין אַ טויטן, בעת דער מתעסק לייגט אויף אים אַרויף די שאַרבעלעך, ווערט דער טויטער גיך פאַרגעסן און לאָזט נישט איבער נאָך זיך קיין אימה.

נאָכדעם ווי דער מתעסק פאַרהילט אים צוריק דאָס פּנים, זאָגט ער אים אין נאָמען פון זיינע קרובים אָט די „חברותא".

כל-זמן מען האָט דעם מת נישט פאַרשאָטן 2). הערט ער און פילט אַלעס 3). דעריבער זאָל מען נישט פיל וויינען, אָדער שרייען נעבן בר-מינן, ווייל ער האָט דערפון גרויס צער. מען טאָר זיך אויך נישט געזעגענען מיטן מת, קושנדיק אים. בפרט איז עס אַ גרויסע סכנה צו קושן טויטע קינדער 4).

אין טייל מקומות גיט מען אויך דעם מת 5). אין האַנט אַריין 6) גע-פערלעך 7), כדי ער זאָל האָבן מיט וואָס אויפצוגראָבן זיך זיין קבר, לעתיד לבוא.

אין טייל פאַלן, וו ט'האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקן מענטש גיט מען אים מיט אין קבר אַריין אַ טייל פון די כלים, מיט וועלכע ער פלעגט זיך

1) וואָס שטאַמען פון דער ערדענער כלי, מיט וועלכער מ'האָט אים מטהר געווען [זע אויבן].

2) און דאָס — ביז צו דער לעצטער שויפל. פון דאַנען די ריידנסאַרט: „ביז צו דער לעצטער שויפל וועל איך עס דיר נישט פאַרגעסן" וועגן אַ גרויסע טובה, אָדער אומגעהייערער עוולה.

3) חכמת אדם קנ"ה, ו'

4) דאָרט קנ"ז, ח'

5) אין גלאָהאָבע וועגן אַ שלעכטן בעל-חוב: „אים איז גוט צו געבן געפערלעך, נישט קיין געלט אין האַנט אַריין".

6) זע המטעמים, ז' 16.

7) מן הסתם פון גאָפּעלעך.

באַנוצן בײַם לעבן: פֿאַר אַ ייד אַ למדן מאַכט מען אַן ארון פֿון דעם שטענ־
דער, בײַ וועלכן ער איז געזעסן און געלערנט 1). אַ שניידער אַן ערלעכער
מאַן, וועלכער האָט קיין „יתור" נישט גענומען, באַקומט אין קבר אַרײַן די
מאָס מיט וועלכער ער האָט די סחורה געמאָסטן 2), אָדער מען מאַכט אים
אַ ארון פֿון דעם טיש, בײַ וועלכן ער האָט געאַרבעט 3). אדג"ל.

אויך אין די בגדים פֿון מת ווערט אַרײַנגעשאָטן צו ביסלעך ארץ־ישראל
ערד, און אַז דער מת ליגט שוין אין אָרדענונג, לייגט מען אים אַרויף די
„חגורה" אויף דעם ארון, אויף דער חגורה הענגט מען אָן אַ שלעסל 4), מען
לייגט אויף איר אַרויף די „מכסה" און מען נעמט זיך פֿאַרשיטן דעם קבר.

דער ערשטער הייבט אָן צו פֿאַרשיטן דער מתעסק, וועלכער געפֿינט
זיך נאָך ביז איצט אין קבר; ער שאַרט אַרײַן אין קבר די אויסגעגראָבענע
ערד מיט די הענט, איבערגעקערט און ווען אין קבר איז שוין פֿאַראַן היפּ־
שלעך זאַמד, גייט ער אַרויס און מען פֿאַרשיט שוין די רעשט מיט לאָפּעטעס.

יעדער רעכנט זיך עס פֿאַר אַ מצווה צו העלפֿן פֿאַרשיטן דעם קבר
און די לאָפּעטע ווערט דערבײַ איבערגעגעבן פֿון איינעם צום צווייטן. די
לאָפּעטע גייט אָבער נישט איבער דירעקט פֿון האַנט צו האַנט — בײַם איבער־
געבן איר צו אַ צווייטער פּערזאָן, ווערט זי געשטעקט אין זאַמד אַרײַן, אָדער
אָנגעלענט אָן אַ בוים.

בעת מען פֿאַרשיט דעם קבר טוט מען קורע זײַן די אבלים. בײַ ווײַ־
בער רײַסן קריעה ווײַבערישע חברה־לײַט.

רײַסן קריעה

קורע איז מען זיך נאָר אויף די נאָענטסטע קרובים: פֿאָטער, מוטער
ש עסטערן, ברידער און קינדער, דערבײַ איז מען די אַלע קרובים קורע די
רעכטע זײַט פֿון די בגדים, אַ חוץ בײַ עלטערן, איז מען קורע די לינקע
זײַטן 5).

קורע איז מען אַלע בגדים, וואָס דער אבל טראָגט אויף זיך, אַחוץ דעם
אייבערשטן בגד (פּאַלטן אָדער טעלק וכד'), וועלכן ער מעג אויסטון 6).
דאָס קורע־זײַן קומט פֿאָר. בזה האופן: איינער פֿון די חברה־לײַט שניידט

1) דעם קאָנסטאַנטינער רב, מנחם דוד גרינבוים, האָט מען געמאַכט אַ טהרה־ברעט פֿון זײַן בית־דין טיש. געווען איז אַ ערלעכער ייד אין קאָנסטאַנטין, וועלכער האָט געלעבט אין בית־המדרש און זײַן געלעגער איז געווען אויף אַ שטיין, פֿון דעם שטיין האָט מען אים געמאַכט אַ מצבה [דערציילט פֿון לייבל שניידער].

2) כדי זי זאָל עם זײַן אויף יענער וועלט אַן עדות.

3) פֿון פֿאָלקס־לעגענדעס.

4) טווערנטך ווערט דער מת פֿאַרשלאָסן אין קבר און קען נישט האָבן קיין מגע ומשא מיט די לעבעדיקע.

5) חכמת אדם קנ"ב, ו'; קיצור שלחן ערוך, קצ"ח, ה'.

6) דאָרט.





אײַן דעם בגד מיט אַ מעסערל, וועלכעס ער האַלט פֿאַר דער קלינג, נישט
פֿאַרן הענטל. דעם אײַנגעשניטענעם אָרט רײַסט דער אבל ווײַטער ביז צו
אַ טפֿח די גרייס 1).

מאַנספּערשוינען איז מען קורע, אָנהייבנדיק פֿון אויבערשטן בגד, ביז
צום העמד 2). ווײַבער איז מען קורע פֿאַרקערט — מען הייבט אָן פֿון די
אונטערשטע בגדים, ביז צו די אייבערשטע 3).

קורע זײַן מוז מען נאָר די לענג, נישט די ברייט פֿון מלבוש 4).

דעם ריס מוז דער אבל טראָגן במשך פֿון 30 טעג (שלושים). שפּעטער
מעג ער אים פֿאַרניייען. נאָך עלטערן מעג מען אים פֿאַרניייען ערשט נאָכן יאָר.

אַז די קרקע נעמט אָן אַ צורת הקבר, זאָגט דער עלטסטער אבל קדיש
און צדוק־הדין.

אַז דער קבר איז שוין אינגאַנצן פֿאַרטיק, שטעקט מען אַרײַן אין אים
אַן אָפּגעבראָכענע צווײַג און די מלווים גייען אַ היים.

גייענדיק אויפֿן בית־עלמין, זאָל מען נזהר זײַן נישט אַרויפֿצוטרעטן
אויף קיין קברים. מען טאָר אויך נישט איבערלייענען די אויפֿשריפֿטן פֿון די
מצבות, ווײַל עס איז קשה לשכחה.

PSALMS 72:16 "And they of the city shall flourish like grass of the earth."

בײַם אַרויסגיין פֿון בית־הקברות רײַסט מען אויס אַ ביסל גראָז מען
וואַרפֿט עס הינטער זיך און מען זאָגט דעם פּסוק: „ויציצו מעיר כעשב הארץ" 5).

אויך פֿון בית־הקברות אַהיים גייט מען נישט דורכן טויער נאָר דורכן
מתים־שטיבל, ווו די מלווים שטעלן זיך אויס בײַ די ווענט אין צוויי שורות
און די אבלים, מאַנספּערשוינען גייען אַדורך אין מיטן באַרוועסרהייט און דער
עולם איז זיי „מנחם אבל" זאָגנדיק: „המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבילי
ציון וירושלים". אַרויסקומענדיק פֿון בית־עולם שיטן די אבלים אַרײַן זאַמד
אין זייערע שיך און טוען זיי אָן.

אַהיים פֿון בית־הקברות גייט מען נישט דעם זעלביקן וועג מיט וועלכן
מען איז געקומען. די אבלים לאָזט מען נישט גיין אַליין; מען פֿירט זיי אָם
און אונטערוועגס רעדט מען זיי אויס דעם צער, נאָכזאָגנדיק פֿאַרשיידענע
שבחים וועגן דעם טויטן.

צוריקגעקומען פֿון דער לוויה, טאָר מען אַמייער אין שטוב נישט אַרײַן,
ביז מען וואַשט זיך נישט די הענט. איידער עס וויל ווער אַרײַן אין זײַן

1) קצור שלחן ערוך, דאָרט.

2) דאָס העמד אַליין איז מען נישט קורע.

3) חכמת אדם, דאָרט; קיצור שלחן ערוך, דאָרט צ'. אינטערעסאַנט, וואָס על פּי דין, מוז יעדער וואָס געפֿינט זיך בעת יציאת־נשמה, אפֿילו אַ פֿרעמדער, זיך קורע זײַן דעם אונטערשלאַק פֿון בגד. [זע מצבת משה, ג']. דערבײַ ווערט אָבער נישט אָנגעגעבן, ווען מען מעג דעם קריעה־ריס פֿאַרנייען.

4) חכמת אדם, דאָרט צ'; קיצור שלחן ערוך, דאָרט.

5) תהלים ע"ב 16.

שטוב, קלאַפּט ער אָן און מען דערלאַנגט אים אַרויס אַ כּלי מיט וואַסער. די כּלי מיטן וואַסער טאָר מען נישט איבערנעמען און איבערגעבן פון האַנט צו האַנט — זי מוז ווערן אַוועקגעשטעלט און נאָכן אויסוואַשן זיך, שטעלט מען זי אַוועק מיטן דנאָ אין דער הייך.

אַז די אבלים קומען אין שטוב אַרײַן, זעצן זיי זיך אַוועק אויף דער ערד, אָדער אויף אַ נידעריק בענקעלע און די שכנים 1) גיבן זיי צו עסן די אַזוי גערופענע „סעודת הבראה", וועלכע באַשטייט פון טרוקענע און רונדיקע מאכלים, ווי אייער, בייגל אד"ג.

ביים אבל אין שטוב ווערן פאָרהאַנגען, צי איבערגעקערט אַלע שפּיגלען, דאָס בעט אין וועלכן דער טויטער איז אָפּגעשטאָרבן, טאָר נישט ווערן פאַרבעט און נישט באַנוצט במשך פון דער שבעה 2).

נאָך דער לוויה קומט זיך חברה-קדישא צונויף בײַ אַ חברה-מאַן, אָדער אין שענק, וווּ מען טרינקט לחיים און מען ווינטשעוועט זיך: „עס זאָל זײַן בלע המות לנצח", אָדער: „מען זאָל זיך צוזאַמענקומען אין פרייד".

ה.

שטענדיק אָבער איז די אויפגאַבע פון דער חברה-קדישא אַזוי פּשוט און נישט שטענדיק באַגרענעצט זי זיך בלויז מיט דער „התעסקות מיטן מת. אין טייל פאַלן ווערט איר אויפגאַבע קאָמפּליצירט און באַשווערט ביז גאָר:

ווען עס שטאַרבט אַ קימפּעטאָרין טאָר מען זי נישט קובר זײַן מיטן קינד אין איר אײַנגעווייד. חברה-קדישא מוז דעמאָלט אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען, אַז זי זאָל דאָס קינד פון זיך אַרויסגעבן.

מיטלען זײַנען פאַראַנען פאַרשיידענע און „אויסגעפּרוווטע": קודם-כּל הייבט מען אָן מיט איר אײַנצוטעהנען אין גוטן; מען גיט איר צו פאַרשטיין, אַז עס שיקט זיך נישט און ס'איז נישט רעכט פאַר אַ יידישער טאָכטער נישט צו פאָלגן, וואָס עס הייסן איר עלטערע יידן, שיינע יידן, יידן בני-תורה. אַז דאָס העלפט נישט מאַכט מען פאַרשיידענע הבטחות אויף יענער וועלט — מען זאָגט איר צו דעם ליכטיקן גן-עדן, רו פאַר דער נשמה אא"וו.

אַז עס העלפט נישט דאָס אײַנטעהנען מיטן גוטן און נישט די הבטחות, גייט מען אום מיט איר מיט בייזן: מען זידלט זי מען רופט זי מיט פאַרשיידענע זידל-נעמען, מען סטראַשעט איר מיט גיהנום, מיט כּף-הקלע, מיט נשמה-גלגולים אדג"ל.

אַז דער מת איז „אײַנגעשפּאַרט" און עס העלפן נישט קיין ווערטער,

1) אין טייל קהילות איז אײַנגעפירט, אַז די סעודת-הבראה פאַר די אבלים ווערט טיי קריע-מע, טיי רייכערע, צוגעשיקט פון דער קהילה, אָדער פון דער קאַסע פון דער חברה-קדישא.

2) ווײַל טאָמער וויל די נשמה, וועלכע דרייט זיך אין דער שטוב, במשך פון דער שבעה [זיך אויסרוען] זיך אַנידערלייגן, זאָל זי האָבן דאָס בעט גרייט.





extraordinary description of exorcising / excommunicating dead foetus

נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן, גייט חברה-קדישא איבער צו מעשים, — פּרוווט בײַ איר רייסן דאָס קינד מיט געוואַלט.

אַז דער מת איז אָבער אַ גרויסער „עקשן" און וויל באין אופן דאָס קינד נישט „אָפּגעבן" איז מען מתרה מיט חרם. טייל מאָל שרעקט זיך דער מת פאַר דער בלויזער התראה און גיט אָפּ דאָס קינד. אין פאַל אָבער ווען די בלויזע התראה העלפט נישט, נעמט מען זיך טאַקע דעם חרם אויסצופירן אויפן רעכטן אמת: מען בלאָזט שופר און מען איז זי מחרים, און ערשט דעמאָלט „גיט זי אָפּ" דאָס קינד 1).

דערפאַר אָבער, וואָס בכדי זי צו קענען קובר זײַן מוז מען דעם חרם תּיכּף נאָך דעם ווי זי האָט דאָס קינד אָפּגעגעבן מבטל זײַן, זײַנען פאַראַן פאַלן ווען דער מת שרעקט זיך אפילו פאַרן חרם אויך נישט אָפּ. ווײַל ער ווייסט דאָך אַז סײַ ווי וועט מען אים מבטל זײַן און זײַן עקשנות דערגייט אַזוי ווײַט, אַז מען רייסט פון אים דאָס קינד שטיקערווײַז אַרויס 2).

אין אַלע פאַלן אָבער מוז דער חרם תּיכּף אָפּגעשאַפט ווערן, מען בעט בײַ איר נאָך מחילה און דאָס קינד מיט אַלעם, וואָס עס איז פון איר אַרויס, ווערט איר מיטגעגעבן אין קבר אַרײַן.

אין טייל מקומות גיט מען איר אויך מיט ווינדעלעך און כּלים, כּדי זי זאָל האָבן אין וואָס דאָס קינד צו באַגראָבן און מיט וואָס עס אָפּ צו ווישן.

דאָס קינד ווערט נישט געלייגט נעבן איר, נאָר עס ווערט איר געלייגט אין די הענט אַרײַן. דער ארון פון אַ קימפּעטאָרין ווערט להיפּוך צו ארונות פון אַנדערע מתים פאַרקלאַפּט און צונויפגעקלאַפּט מיט נעגל. אויסער די תכריכים, וואָס עס באַקומט יעדע פרוי, באַקומט די קימפּעטאָרן נאָך אויך אַ קלייד, אַ שירץ און שוואַרצע שיך.

אַ שווער „לייענען" האָט אויך די חברה-קדישא מיט מתים, וועלכע האָבן זיך בײַם לעבן מאַרדירט, אַז מען זאָל זיך מיט זייער טויטערהייט „אָפּרעכענען".

1) שידלאָווצע ווייס צו דערציילן פון אַ ווייבל אַן עקשן, וועלכע מען האָט געטעסטן מיט גוטן און מיט בייזן, אַז זי זאָל דאָס קינד „אָפּגעבן", בעתן בעטן איז זי אָבער רויט געוואָרן פון חרפּה, אָבער דאָס בעטן האָט נישט געהאָלפן און מען האָט געמוזט אָנקומען צום לעצטן מיטל — צום חרם. בעתן שופר-בלאָזן זײַנען איר געריבן טרערן פון די אויגן און אַלע האָבן אײַנגעזען, אַז דאָס ווייבל איז גאָט די נשמה שולדיק: זי וויל טאַקע געבן דאָס קינד נאָר זי קען נישט. סוף כּל סוף, נאָכן חרם, האָט מען דאָס קינד פון איר אַרויסגעקריגן, און ווײַל טאַקע אַלע האָבן אײַנגעזען בחוש, אַז דאָס ווייבל האָט געהאַט אַ גוטן ווילן, האָט מען דעם חרם תּיכּף מבטל געווען [דערציילט פון מרת ז. סייגענבוים].

2) אין לאָדזש רייסט מען נישט מיט געוואַלט, מען איז אויך נישט מחרים; מען „פאַרשעמט" זי נאָר און מען סטראַשעט מיט אַלערליי פאַרשיידענע בזיונות און אין גאַנץ זעלטענע פאַלן גאָר האַלטן די סטראַשונקעס, על פּי רוב, „הילן זיי די קינדער נישט „אָפּגעבן". [מיטגעטיילט פון מתעסק ח. וואַקסמאַן].

HOW KHEVRE KADISHE GETS BACK AT MISERLY JEWS

ע״פ רוב זיינען דאָס יידן גבירים, אָבער גרויסע קמצנים, וועלכע זיינען ביים לעבן געשטאַנען ווייט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און די שטאָט אָדער שטעטל האָט קיינמאָל פון זייערט אַ גראָשן נישט נהנה געווען, און דערפאַר „מוזן זיי טויטערהייט אַלץ און אויף אַ מאָל אָפּגעבן״.

אַזוי באַלד ווי אַזאַ איינער, אָדער ווער פון זיינע נאָענטסטע ווערט קראַנק, פאַרוואַרפן די חברה-לייט אַן אַ זייט זייערע טאָג-טעגלעכע אַרבעטן און טרינקען על חשבון פון דעם קומענדיקן בר-מינן. דערביי שיקן זיי פון צייט צו צייט, עמעצן פון די זייעריקע אויף „צונג״ — געוואָר ווערן וועגן דעם מצב פון קראַנקן.

קוים האָט אַזאַ איינער „צוגעמאַכט אַן אויג״, האָט חברה-קדישא שטענדיג געשטעלט אַזעלכע „געוואַלדיגע״ און „געפּעפּערטע״ פרייזן פאַר דער קרקע, אויף וועלכע די יורשים, אָדער קרובים האָבן נישט געקענט, אָדער נישט געוואָלט איינגיין, אַ דאַנק וואָס, דער מת פלעגט געווײנלעך בלייבן ליגן עטלעכע טעג און די חברה פלעגט אָפּט דורך דעם אַריינפאַלן אין קאַליזיע מיט די מאַכט-אָרגאַנען 1). חברה-קדישא אָבער, זייענדיק איבערצייגט, אַז זי איז גערעכט, פלעגט אין אַזעלכע פאַלן זיין גאָר שטאַרק פאַרעקשנט און פלעגט אָפּט דאָס אייגענע אויספירן.

DEMANDED EXORBITANT PRICES FOR BURIAL

עס פלעגן זיין פאַלן, ווען איבער דער גרייט פון דער טומע, וואָס חברה האָט פאַרלאַנגט, פלעגן די יורשים, אָדער קרובים פּרוּוון, פאַראָסט דעם מת אַרויסגנבענען אין אַ צווייטער שטאָט אַריין, אָדער אים אַליין בשתיקה וועלן קובר זיין. נאָר אַזאַ קונץ פלעגט זעלטן ווען געראָטן, ווייל די חברה-לייט שוין געניטע אין די ענינים, פלעגן אין אַזאַ פאַל האָבן אָפענע אויגן און אויערן און עס איז שווער געווען זיי אָפּצונאַרן. אַקעגן זיינען שכיח געווען פאַלן, וואָס חברה-קדישא פון איין שטאָט האָט אַרויסגעגנבעט אַ מת פון אַ

1) אומגעפער אין די יאָרן 1910—1912 האָט אין קאָנסטאַנטין געוווינט אַ ייד אַ נגיד, אָבער אַ גרויסער קמצן (miser), איז צו אים אַמאָל געקומען צו גאַסט זיין מוטער און איז ביי אים אָפּגעשטאָרבן, און חברה-קדישא האט פאר דער קרקע (soil) פארלאנגט אַ גרויסע סומע געלט, וועלכע דער ייד האָט נישט געקענט, אָדער נישט געוואָלט געבן. די חברה האט דעם מת נישט געוואָלט קובר (bury) זיין. ווען דער זון האט עס אַ מאָל געוואָלט טון בשתיקה (secretly), אויף אייגענער האַנט, האט אים חברה דערין געשטערט און דער מת איז געלעגן עטלעכע טעג. ערשט ווען פּאָליציי האט אין דעם ענין זיך אַריינגעמישט האָט מען דעם מת קובר געווען מיט גרויסע בזיונות (humiliation): באַגראָבן האט מען אים געבן „פאַרקען״. נאָך דער לוויה איז קיינער נישט געגאַנגען, אא״וו. אָבער אויך אָן דעם לעבן געבליבענעם, האָט דאָס שטעטל נישט פאַרגעסן: בעת דער שבעה איז קיינער צו אים נישט געקומען דאַווענען: אָדער מנחם-אבל זיין, נאָך דער שבעה, האָט מען אים אין קיין בית תפלה נישט געלאָזט קיין קדיש זאָגן, בכלל אויף שריט און טריט אים אָנגעטון בזיונות, ביז דער ייד האט געמוזט פון דעם שטעטל „עוקר״ זיין.

HOW SOCIAL PRESSURE WON OUT



צווייטער שטאָט, כדי ביי „זיך אין דערהיים״ צו קענען אויספירן איבער אים נקמה 1).

שווער און קאָמפּליצירט איז אויך די טהרה און קבורה פון אַ הרוג:

בכלל קען מען נישט יעדן הרוג מטהר זיין 2). אין אַזאַ פאַל טוט מען אים אויך נישט אָן קיין תכריכים, מען וויקלט אים נאָר אַרום אין זיינע מלבושים מיט אַ ליינענער „טובה״ 3).

דעם הרוג, וועלכן מען קען יאָ מטהר זיין, מוז מען מיטגעבן אין קבר אַריין אַלע זאַכן, וועלכע זיינען באַפלעקט מיט זיין בלוט 4). אין אַזאַ פאַל פאַלט אויף דער חברה-קדישא, אויסער די התעסקות מיטן בר-מינן, נאָך אויך די התחייבות זיך משתדל צו זיין ביי די געהעריקע מאַכט-אָרגאַנען, אַז מען זאָל דעם הרוג נישט פאַלמעסן.

דער הרוג ווערט נישט באַגראָבן צוזאַמען מיט אַנדערע מתים, מעג צו זיין אפילו געווען אַן אַנגעזעענער מענטש 5), ווייל עס איז אַ חרפה פאַר די איבעריקע מתים צו ליגן נעבן איינעם, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ מיתה משונה.

קאָמפּליצירט זיינען אויך די טהרות און קבורות: פון אַ געפונענעם, אומבאַקאַנטן הרוג, פון אַ מת-מצווה, אַ „מאבד עצמו לדעת״, פון אַ געקנסטן דורך דער חברה צו „קבורת-חמור״, „קבורת-נזיפה״ אד״ג.

די חברה-קדישא האָט אויך די התחייבות מדייק צו זיין, אַז דער מת

1) אין לוטאָמירסק האָט געוווינט אַ ייד אַ גביר, וועלכער איז אָפּגעשטאָרבן אין זיין הויף אַלעקסאַנדער, וועלכע געהער צו דער קהילה אין אַלעקסאַנדער, מורא האָבנדיק, אַז דער „מעיוחד־פּיסן״ זאָל נישט אַריינפאַלן קיין אַלעקסאַנדער, האָבן לוטאָמירסקער חברה-לייט צוגעכאַפּט אים אַרויסגעגנבעט פון אַלעקסאַנדער און אים געבראַכט קיין לוטאָמירסק, וו זיינע יורשים האָבן געמוזט באַצאָלן טייערע רובל פאַר דער קרקע. די יורשים, וועמען דער פאַקט האָט שטאַרק פאַרדראָסן האָבן שפּעטער דעם ענין איבערגעגעבן דער אויספאָרשונגס-מאַכט, ביי וועלכער עס איז דער חברה נאָך גרויסער מי געראָטן, זיך ריין צו וואַשן. די יורשים ווידער, מורא האָבנדיק פאַר נקמה פון דער חברה-קדישא, זיינען אַנטלאָפן פון שטעטל און האָבן זיך איבערגעצויגן קיין לאָדזש. [געזאַמלט פון לוטאָמירסקער חברה-קדישא גבאי ה׳ שלמה בזריעק].

2) זויב ער איז שטאַרק צעקלעפּטשעט און איז נישט גאַנץ.

3) אַ שטיק ליוונט, נישט צעשניטן און נישט אויסגענייט.

4) אין יאָר 1905 איז אויפן וועג פון לאָדזש קיין קאָנסטאַנטין, דורך רוצחים דערשאָסן געוואָרן אַ ייד און חברה-קדישא האָט פון דעם גאַנצן וועג [9 קילאָמעטער] צונויפגעקליבן יעדעס שטיקל ערד, וואָס האָט געטראָגן סימנים פון זיין בלוט און עס אים מיטגעגעבן אין קבר אַריין. [זע קיצור שלחן ערוך, קצז, ט-יג].

5) דער דערמאָנטער הרוג פון קאָנסטאַנטין, איז געווען זייער אַן אָנגעזעענער מענטש — אַ דאָקטער אין שטאָט. מען האָט אים נישט געלייגט נעבן אַנדערע מתים; אים האָט מען קובר געווען אין אַ באַזונדערער „שכינה״.

זאָל באַקומען אַ געהעריקע קרקע, לויט זיין כבוד. זי מוז אויך געדענקען, אַז צוויי מענטשן, וואָס זיינען זיך געווען שונאים ביים לעבן, טאָר מען נישט באַגראָבן איינעם נעבן צווייטן, ווייל זיי האָבן ביידע קיין מנוחה נישט. 1).

חברה קדישא מוז אַמאָל אויך איבערנעמען די פונקציע פון אַנדערע פּלי-קודש: אַז עס שטאַרבט אַ יינגל, איידער מען האָט עס „געיידישט", מוז עס די מתעסקים מל זיין ביים קבר 2) און אים געבן אַ נאָמען 3). אויך אַ מיידל, וועלכע האָט נאָך נישט געהאַט קיין נאָמען, באַקומט זי אים ביים קבר 4).

אין די ערטער, וווּ ס'איז נישט פאַראַן קיין ספּעציעלע „משמורים"-חברות, פילט אויך חברה-קדישא אויס די פונקציעס פון שיקן „משמורים" צו שווער קראַנקע.

ו.

צו דער חברה-קדישא קען אָנגעהערן יעדער אָרנטלעכער בעל-הבית פון שטאָט. אויסער בעלי-בתים, ד"ה באַוויבטע קענען צו דער חברה אין טייל מקומות, אויך אָנגעהערן בחורים און יינגלעך. זייערע עלטערן שרייבן זיי איין אין דער חברה און צאָלן פאַר זיי מיטגליד-אָפּצאָל. 5)

רבנים און כוהנים, הגם די לעצטע טאָרן על פּי דין זיך נישט מתעסק זיין מיט קיין מת, קענען ווערן אָנגענומען אין דער חברה ווי „ערן"-מיטגלידער, וואָס האָבן אַקטיוו און פּאַסיוו וואַלרעכט.

הגם צו דער חברה קדישא געהערן מענטשן פון אַלע שיכטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, לאָזט זיך, בפרט אין די קליינע שטעטלעך מערקען אַ באַדייטיקע איבערוואָג פון דעם אַ"ג' „געמיינעם עולם" — בעלי-מלאכות: שניידערס, שוסטערס, קצבים א"אַנד. כאָטש זיי שטעלן פּראָצענטועל מיט זיך פאָר די מינאָריטעט פון שטעטל, דאָך זיינען זיי די פּאַקטישע מתעסקים: מטהרים, תופרים און קברנים.

דאָס „איינקויפן" זיך אין דער חברה קומט פאָר אויף אַזאַ אופן:

דער קאַנדידאַט ווענדט זיך שריפטלעך, אָדער מינדלעך צו איינעם פון די חברה-גבאים און דעקלאַרירט זיין ווילן אַריינצוטרעטן אין דער חברה. דער גבאי שטעלט די דעקלאַראַציע פאָר פאַר די איבעריקע גבאים און אַלע צוזאַמען באַראַטן זיך מיט די „כשרים", און אויב ס'זיינען נישטאָ קיין טענות קעגן דער ערלעכקייט און פרומקייט פון דער פּערזאָן, ווערט פון אים גענומען לויט

1) קצור שלחן ערוך קצ"ט, י'.

2) אין טייל מקומות (קאָזשמינקע, דוואַרט) שניידט מען אָפּ די ערלה מיט גלאָז. פּורע זיין טוט מען נישט.

3) חכמת אדם קנ"ה, כג'.

4) השיב משה או"ח סי' יג'.

5) לויט דעם פּינקס פון דער לוטאָמירסקער חברה קדישא; זע י. זעלקאָוויטש: דצ"ו.



זיין יכולת, אַ סכום איינשרייב-געלט און אַן אויפגאָב פון דעם יערלעכן מיטגליד-אָפּצאָל, און דער דעקלערירט ווערט אַ „מלאַטש". 1)

די אַספּיראַנטור, אָדער סטאַזיע פון „מלאַטש" געדויערט דריי יאָר. במשך פון די דריי יאָר באַנוצט זיך די חברה מיטן „מלאַטש" צוליב פאַרשיידענע שליחותן, ווי וואַך זיין „משמורי"ם, צונויפזאַמלען די מיטגליד-אָפּצאָלן, צונויפרופן די חברה-לייט אויף אַן אַסיפה וכד'. דער „מלאַטש" מעג זיין ביי אַלע טעטיקייטן פון דער חברה, ווי טהרה, קבורה אד"גל. ער טאָר זיך אָבער נישט מתעסק זיין דירעקט מיטן מת. במשך פון זיין אַספּיראַטור האָט דער „מלאַטש" נישט קיין וואַל-רעכט — נישט אַקטיוו און נישט קיין פּאַסיוו.

דער נאָמען פון מיטגלידער ווערט פאַרשריבן אין חברה-פּנקס. פאַרשריבן ווערט: נאָמען, נאָמען פון פאָטער, אָפּשטאַם — כהן אָדער לוי, פאַמיליע-נאָמען, די גרייס פון „איינקויף-געלט", דער יערלעכער אָפּצאָל און די יידישע דאַטע.

נאָך דריי יאָר, אויב אַלץ איז געגאַנגען כשורה און ס'איז דעם „מלאַטש" גאָרנישט געווען פאַרצוואַרפן ווערט ער אַ פולבאַרעכטיקטער מיטגליד. דער אַקט פון ווערן אַ פאַקטישער מיטגליד ווערט פאַרשריבן אין חברה-פּנקס ביים נאָמען פון דעם געהעריקן מיטגליד.

די חברה קדישא ווערט אָנגעפירט פון אירע גבאים, וואָס זייער צאָל איז אין רוב קהלות דריי. די גבאים ווערן נאָמינירט פון כשרים, וועלכע ווערן געוויילט על פּי גורל אויף אַזאַ אופן: אין אַ „קלפּי" ווערן אַריינגעלייגט צעטלעך מיט די נעמען פון אַלע חברה-מיטגלידער. די קלפּי ווערט אַדורכגעשאָקלט און מען ציט פון איר אַרויס די ערשטע דריי צעטלעך. די נעמען פון די אַרויסגעצויגענע צעטלעך זיינען די כשרים: — כשר ראשון, כשר שני און כשר שלישי. אָט די דאָזיקע דריי כשרים נאָמינירן עס די גבאים פאַר דער חברה און אין זייער אויסוואַל זיינען זיי מדקדק צו באַפרידיקן אַלע שיכטן פון דער חברה, אַז זיי זאָלן האָבן זייער פאָרשטעטערשאַפט, צווישן די גבאים. די כשרים מעגן אַליין אויך ווערן גבאים 2). אין דער צייט פון דער גבאים-קאַדענץ, שטייען די כשרים מיט זיי אין קאָנטאַקט און העלפן זיי (אפשר בלויז מיט באַראָט-ריכט ?) אין זייער אַרבעט 3).

אין דער צווישנצייט, ביז די כשרים וויילן נישט קיין נייע גבאים,

1) דער טערמין ווערט באַנוצט ביי אַלע חברה-לייט, אין אַלע מקומות.

2) היות ווי די דאָזיקע פּריווילעגיע איז צופיל אויסגענוצט געוואָרן פון די כשרים, וועלכע האָבן זיך קמט אַליין געוויילט פאַר/גבאים קייגן דעם ווילן פון דער חברה, איז אין טייל קהילות אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ תקנה, אַז די כשרים טאָרן זיך אַליין נישט וויילן פאַר גבאים. [זע משה פיינקינד: די חברה קדישא אין פּעטריקאָוו].

3) לויט דער תקנה, אַז יעדער פרישער דעקלאַראַנט מוז צוגעשטעלט ווערן צו די כשרים און זיי זאָגן אַרויס וועגן אים אַ מיינונג [זע אויבן].

זיינען זיי די אָנפירנדיקע קערפּערשאַפט פון דער חברה; זיי ערלעדיקן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער חברה, זיינען מתקן פאַרשיידענע תקנות, וועלכע זיינען גילטיק פאַר די שפּעטערדיקע גבאים און פאַר דער גאַנצער חברה 1).

די קאַדענץ פון די גבאים און כשרים איז אַ יערלעכע. אין טייל קהילות ווערן די גבאים געוויילט אויך אויף אַ משך פון דריי יאָר 2). נאָכן יאָר קענען די זעלביקע גבאים צוריק אויסגעקליבן ווערן דורך נייע 3) כשרים.

צוליב גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער חברה, אָדער צוליב פּערזענלעכן, צי אַפילו געירשנטן יוחס און אפשר אויך פאַר געלט, קען אַ מיטגליד גע-וויילט ווערן אויף צו זיין גבאי כל ימי חייו 4).

די הכנות צו די גבאים-וואַלן הייבן זיך אָן שמיני-עצרת: עס איז אַ חוק ולא יעבור, אַז אַלע חברה-לייט, מעגן זיי געהערן צו די פאַרשיידנסטע שיכטן, און מעגן זיי אַ גאַנץ יאָר דאַווענען אין פאַרשיידענע קלויזן און „שטיבלעך" — שמיני-עצרת, מוזן זיי אַלע קומען אין דער שול אַריין דאַווענען. סיי זיי דאַ-ווענען אין אַ באַזונדערן חברה-מנין סיי זיי דאַווענען צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם, מוזן זיי נאָכן דאַווענען, אַן אויסנאַם מיטגיין צום גבאי-ראשון אויף קידוש. דעם גאַנצן שמיני-עצרתדיקן טאָג פאַרברענגט די חברה ביי די גבאים. שמיני-עצרת אין אָוונט ווערט געמאַכט די „קלפי", אַזוי אַז שמחת-תורה זיינען די כשרים שוין טעטיק.

שמחת-תורה קומען זיך ווידער אַלע חברה-לייט צונויף אין שול, ווו זיי דאַווענען אַפּ „וותיקין" און נאָכן דאַווענען גייען די חברה-לייט אויף קידוש צו די כשרים, צום ערשט צום כשר ראשון, כשר-שני אאַ"וו אָפּגעפּאַרטיגט זיך מיט די כשרים און צייט איז נאָך דאָ, גייט דער חברה-קדישא-עולם אין די שטובער סיי צו די מיטגלידער, סיי צו נישט מיטגלידער און זומעטום ווו מען פאַלט אַריין, נעמט מען פון מאכלים און משקאות, וואָס נאָר עס לאָזט זיך און אַזוי פאַרברענגט די חברה דער שמחת-תורהדיקער טאָג אין עסן, טרינקען, טאַנצן און שפּיפּרייען.

1) לויט דעם לוטאָמירסקער פּינקס פון דער חברה-קדישא.

2) דאָרט.

3) ווייל די כשרים ווערן דאָך געוויילט על פי גורל, איז נישט שכיח, אַז במשך פון צוויי קאַדענצן זאָלן זיין איין און די זעלביקע מענטשן.

4) לויט דעם אויבן דערמאָנטן פּינקס, איז אין לוטאָמירסק געווען אַזאַ פאַקט. אַ געווי-סער פנחס בר' ישראל איז געוויילט געוואָרן אויף צו זיין גבאי ראשון כל ימי חייו און שפּעטער, משמעות איבער אַ פּראָטעסט פון טייל חברה-לייט, איז ער אין איין קאַדענץ אויסגעמיטן געוואָרן און ס'איז געוויילט געוואָרן אַן אַנדערער גבאי ראשון. עס איז געקומען צו אַ דין-תורה, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסק, אַז מען קען ביי אים דעם זכות נישט אַוועקנעמען.





שבת-בראשית קומט דער חברה-עולם ווידער אַ מאָל זיך צונויף אין שול, ווו עס ווערט זיי אָפיציעל מיטגעטיילט, ווער עס זיינען די ניי נאָמינירטע גבאים. די פרישע גבאים באַקומען עליות און פאַרבעטן די חברה-לייט אויף קידוש.

אויסער די פאַרשיידענע געלעגנהייט-סעודות פון דער חברה, ווי נאָך דער קבורה פון אַ רייכן מת, נאָכן אויספירן פון אַ ניצוח אד"גל, וועלכע האָבן נישט קיין באַשטימטן טערמין און עס באַטייליקן זיך אין זיי נאָר על פּי רוב יחידים צווישן די חברה-לייט, וואָס זיינען צווישן זיך באַזונדערס פאַר-בונדן און נישט די חברה, אַלס גאַנצע, זיינען פאַראַן אַ גאַנצע ריי, ספּעציעלע חברה-סעודות, גרעסערע און קלענערע אין פאַרשיידענע טערמינען פאַר דער גאַנצער חברה, ווייל זיי זענען פאַרבונדן מיט געוויסע מנהגים אָדער טראַדיציעס 1).

אַלע ערב ראש-חודש, און אויב געפאַלט ערב ראש-חודש אום שבת — דעם דאָנערשטאָג צו פריער, פאַסטען אַלע חברה-לייט ביז זמן מנחה, ביז אַרום 1 אַ זייגער ביי טאָג, זמן מנחה קומען זיי זיך צונויף אין שול, צי אין בית-המדרש, ווו זיי זאָגן יום-כפור-קטן 2) און דאַווענען מנחה. נאָך מנחה נעמט מען לעקעך מיט בראָנפן 3).

ערב יום-כפור קומען די חברה-לייט זיך צונויף אויפן בית-הקברות, ווו עס ווערט בעלד ביים אַריינגאַנג אַוועקגעשטעלט אַ טיש, אַרום וועלכן זעצן זיך אַוועק די חברה-גבאים און צעטיילן בראָנפן מיט האָניק-לעקעך יעדן איינעם, — וואָס קומט אויף קבר-אבות 4). די גבאים אַמטירן אויפן בית-הקברות פון בעלד אין דער פרי ביז זמן מנחה.

שמחת-תורה ביינאַכט קומט דער חברה-עולם זיך צוזאַמען ביים גבאי-ראשון, פון וועמען יעדער מיטגליד באַקומט זיין פּאָרציע, וואָס באַשטייט פון

1) די מאַטעריאַלן פון קאַפּ' 9 ביז דאַנען האָב איך צו פאַרדאַנקען דער פריינדלעכער מיטאַ-טיילונג פון די ה"ה לייבל העלט, לאַנגיעריקער חברה-קדישא-גבאי אין קאָנסטאַנטין און דודי סענדאָווסקי, לאַנגיעריקער מיטגליד פון דער דאָרטיקער חברה. די אַלע דערמאָנטע מינהגים, גילטן אין דער חברה קדישא פון קאָנסטאַנטין, וועלכע עקסיסטירט אַרום 95—96 יאָר און ווי מיינע אינפאָר-מאַטאָרן האָבן מיר פאַרזיכערט, גילטן די מינהגים, בפרט פון די גבאים-וואַלן כמעט אין גאַנצן קאָנגרעס-פּוילן, וואָס פון זיי האָט די קאָנסטאַנטינער חברה זיך גענומען אַ מוסטער.

2) אין ווילנע פאַסט מען ערב-ראש-חודש אַ גאַנצן טאָג, און יום-כפור-קטן איז ביי [זע
עניין נאָר פאַר חברה-לייט, נאָר אויך פאַר איטלעכן ייד, אַפילו פרייען זאָגן יום-כפור-קטן. ווילנע 1918, ז' 102].
ח. לונסקי: „ווילנער קלויזן און דער שול-הויף", ווילנער זאַמלבוך 2, ... ווערט צונויפגענומען צווישן די חברה-לייט ...

3) דאָס געלט אויפן לעקעך און בראָנפן
גייט נישט פון דער חברה-קאַסע [קאָנסטאַנטין].

4) די הוצאה דערויף, ווערט גענומען פון דער חברה-קאַסע [קאָנסטאַנטין].

אַ „ציגל" האַניק-לעקעך, צוויי עפּל און אַ האַנט-פול ניס. דערביי איז אײַנ-טערעסאַנט, אַז מיטגלידער, וועלכע זיינען געשטאָרבן, במשך פון יאָר האָבן זייערע פּאַרציעס נישט הפקר; די פּאָרציעס ווערן צוגעשיקט צו דער אַלמנה אָדער יורשים (לוטאָמירסק 1).

סעודות ווערן אויך געמאַכט נאָך אַ חברה-תענית, וועלכער געפאַלט אין פאַרשיידענע קהלות צו פאַרשיידענע טערמינען: טז כסלו (ווו?), ב' שמות (לוטאָמירסק), פּרשת ויחי א"אַנד.

אַ סעודה-גדולה אָדער אַ סעודה-קטנה, קען אויך מאַכן יעדער איינצי-קער מיטגליד פאַר דער חברה ביי פאַרשיידענע אומשטאַנדן: ביי פאַמיליע-שמחות. אַלס קנס פאַר נישט אונטערוואַרפן זיך אַ געוויסער תקנה, נאָכן ענדיקן דעם טערמין פון „מלאַטש" און אַקטיוון אַריינטריט אין דער חברה אד"גל. די דאָזיקע סעודות, מיטן אויסנאַם פון אַ קנס-סעודה, זיינען אָבער נישט קיין חוב, נאָר אַ רשות.

ז' אדר 2) אין דער פרי קומען די חברה-לייט אין שול אַריין, ווו זיי זאָגן תהילים מיט אַ מנין. די מתעסקים פאַסטן אַ גאַנצן טאָג און אין אָוונט ווערט געמאַכט 3) די יערלעכע טראַדיציאָנעלע, חברה־קדישא סעודה-גדולה 4). אויב דאָס יאָר איז אַן עיבור-יאָר, ווערט געמאַכט אין ערשטן אדר אַ סעודה-קטנה 5), און אין צווייטן אדר אַ סעודה-גדולה 6).

דעם צווייטן טאָג שבועות 7), קומען די חברה-לייט זיך צונויף פאַר-טאָג אין שול, ווו זיי זאָגן אויס גאַנץ תהילים 8) מיט-מנין, און נאָכן דאַווע-נען מאַכן זיי זיך אַ מילכיקע סעודה.

אין די גרעסערע שטעט, ווי לאָדזש, וואַרשע וכד', ווו די יידישע באַ-פעלקערונג איז אַ געדיכטע און עס קומט אויס די מתעסקים יעדן טאָג צ

1) דאָס זעלבע איז אויך שייך דער סעודה-גדולה פון ז' אדר. די הוצאות דאַרפן פּרינציפּיעל דעקן די גבאים.

2) ז' אדר, האַלטן די חברה-לייט, איז דער יאָרצייט פון משה רבינו.

3) אין טייל מקומות אין דער ווייבער-שול, אין פּאָליש, אויפן שול-הויף, און אין קאָנסטאַנ-טין—ביי איינעם פון די חברה-לייט.

4) די סעודה האָט בענוי באַשריבן ז' שניאור אין זיינע „שקלאָווער יידן". מיר איז לײדער נישט אויסגעקומען ביי צווייזן אַזאַ סעודה.

5) דאָס געלט אויף די סעודות ווערט גענומען פון דער חברה-קאַסע.

6) דערקלערונגען פאַר די אויר-סעודות, זע ווייטער.

7) דוד המלכס יאָרצייט.

8) דעם טעם פון דער מהותנימשפּט פון דער חברה-קדישא מיט דוד-המלך, האָט מען מיר געפּרוווט צו דערקלערן דערמיט, וואָס די חברה באַשטייט, על פי רוב, פון אַן עלעמענט, וועלכער קען נישט מער ווי תהילים-זאָגן, און זיי האַלטן דעריבער דוד-המלך פאַר „אַן אייגענעם מענטש"— ער האָט אויך תהילים געזאָגט.



Folk Animosity ח"ך 35

פאַרנעמען זיך מיט מתים, אויב עס טרעפט אַ טאָג און עס זיינען קיין מתים נישט געווען, מאַכן זיך די מתעסקים ביי-נאַכט אַ לעקעך מיט בראָנפן און ביים טרינקען ווינשעווען זיי זיך, אַז עס זאָל זיין „בלע המות לנצח".

✓ אויב אַ מגיפה איז אין שטאָט (כאָלערע), שטעלט חברה קדישא אויף אין שול, צי אין פּאָליש מעסער מיט בראָנפן און ווער עס וויל קומט און טרינקט, אַפילו פאַרן דאַווענען. (קאָנסטאַנטין, לוטאָמירסק, גלאָוונע, בלאָשקי, שידלאָווצע א"אַנד).

ז.

די חברה קדישא האָט מחמת איר תקיפות און אָפטע, אמתע הויכ-שינדערייען אַרויסגערופן צו זיך אַ שנאה ביים פאָלק, און ווי דער שטייגער איז, ווילט זיך דער עולם אויפן חשבון פון דער חברה-קדישא און די חברה-לייט און זאָגט וועגן זיי פאַרשיידענע ווערטלעך.

על פי שכל דאַרף דאָך אויסקומען, אַז אַ רבי, אַ סופר-ספרים, און אַ חברה-קדישא-מאַן מאַן, דאַרפן זיין לומדים, פרומע, ערלעכע און אָפּגעהיטענע יידן, לסוף איז גאָר פאַרקערט.

פאַר וואָס מאַכט זיך חברה-קדישא ז' אדר אַ סעודה? — כדי זיך אַרויס-צושלאָגן דעם צער, וואָס משה רבינו האָט זיי גורם געווען מיט זיין טויט וואָס זיי האָבן פון אים קיין „ביינדל נישט אָפּגעלעקט" 1) און דערפאַר ווינשעווען די זיך טאַקע, בעת זיי פאַרטרונקן דעם וואָרעם. אַז מען זאָל שוין מער נישט ווייסן פון קיין צער.

חברה קדישא גראַמט זיך מיט „חברה בלא בושה"...

חוץ דעם אָפיציעלן נאָמען „חברה קדישה" האָט דאָס פאָלק פאַר זיי נאָך פאַרשיידענע אַנדערע נעמען: „חברה שהכל-מאַכערס", „חברה שהיה-פיה" 2), „חברה שאש" 3), א"אַ.

אויף אַ גנב זאָגט מען: „ער איז אַ חברה-מאַן", צו אַן עזות פּנים: — „עס וואָלט געפּאַסט דו זאָלסט זיין אַ חברה מאַן". אַ גנב רופט מען אויך „אָפּהייבער" 4). אַז מען זעט אַ שיכור זאָגט מען: „אַז ער קומט מן המת פון אַ לויה". אויף אַן עם הארץ זאָגט מען: „ער איז דער אמתער חברה-מאַן" אדג"ל.

ווייל דער רוב מנין ובנין פון דער חברה קדישא אין רוב מקומות באַשטייט פון יידן עמי הארצים, וואָס אַ לשון קודש וואָרט אַרויסצוזאָגן קומט

1) מיט משה רבינו האָט בכיכול זיך אַליין „מתעסק" געווען.

2) אַן אָנצוהערעניש אויף זייער טרינקען.

3) פּאַראָדירט פון חברה-ש"ס. „שאש" [שתיה] = טרינקען: שאַשן פון די פלאַשן [לאָדזשער אידיאָם].

4) פונקציע, וואָס געהער צו דער חברה קדושה: „צמהייבן" דעם מת.

זיי זײַנען „מיטן טויט", האָט דאָס פֿאָלק זייער לשון-קודשדיקע ווינטשעוואַניע:
„בלע המות לנצח" פֿאַרדרייט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים:
„בלעם, נבות, עזות-מצח", „בילע נאָוועס מייצאַך" 5) „פּילע אָוועס קריצאַך" אדג"ל.

זייענדיק געווען דעם עולם אַ פּנים, די פֿאַרשיידענע עפּיטעטן, וואָס מ'האָט דער חברה צוגעקלעפּט צום נאָמען, האָט ער נאָך צום אייגנטלעכן נאָמען: „חברה קדישא" צוגעטראַכט פֿאַרשיידענע נוטריקונס:

די נוטריקון פֿון „קדושה" זייַנען: „קיילער, וואָס שינדן די הויט". חברה קדושה מאַכט: „חברה קברנים, שופכי דמים". חברה קדושה מאַכט: „חברה, וואָס ברויך הונדערטער רובלעס. העלדזער שאַשן קוואָרטן. דער נוטריקון פֿון חברה קדושה איז: „כאַמעס, באַנדיטן, רוצחים, העקערס, קיילערס, דלפֿנים, וואָס שחטן, הרגענען"...

ח.

אַז עס שטאַרבט אַ חברה-מיטגליד, מוזן אַלע חברה-לייט נאָכגיין נאָך דער לוויה, און געטראָגן ווערט ער נאָר פֿון חברה-לייט.

חברה קדישא, האָט אַ באַזונדערע שכונה אויפֿן בית עולם, וווּ עס ווערן באַגראָבן נאָר חברה-לייט און נישט קיין אַנדערע (לוטאָמירסק).

בעת מען לייגט אַ חברה מאַן אין קבר אַריין מעלדט מען אים, אַז ער ווערט אויס חברה מאַן (שידלאָוויצע).

---

5) זע י. י. לינעצקי: „דאָס פּוילישע יינגל".